STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05885

UMRUIKE YORN

Itzchok Afros

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק אפרת

אַמעריקע יאָרן

לידער און פּאָעמעס

אַרויסגעגעבן פון
יצחק אפרת בוך-קאָמיטעט
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.
1951

UMRUEEKE YORN

YEARS OF UNREST

by

ITZCHOK AFROS
Washington, D. C.

ECONOMY TYPESETTING SERVICE
244 Harlem Pl., Los Angeles 12, Calif.



יצחק אפרת

אַרבעטער־מאָטיוון

דאָס וואָרט צו מיין קלאַס

אין רו וועט אונז קיינמאָל ניט בלענדן קיין ליכטיקע שיין,
ווען יעדער באַהאַלטן וועט זיך אין אַ ווינקל באַזונדער;
מיט פעדעמער טויזנט פון גרויסן, פון ליכטיקן זיין,
מיר מוזן באַהעפט זיין צוזאַמען, פאַרקניפּט און פאַרבונדן.

ס'וועט אונז קיינמאָל אין רו און אין שטילקייט קיין יום־טוב
ניט קומען;
מיר מוזן אים ברענגען דורך מוט און קריגעריש שפּאַן:
טאָ לאָמיר דעם אייגענעם מזל אין הענט אין די אייגענע נעמען—
מיר, אָט־די פּשוטע לייט פון אַרבעטער־שטאַם . . .

דער וועג צום געגאַרטן יאָר

ווען ס'איז דיין רייכער ברודער דיר געבליבן פרעמד,
ווי פרעמד עס זיינען אים די ווייטע שטערן,
און ס'איז דיין האַרץ פאַרביטערט און פאַרשעמט
פון קליינעם לוין פון אַרבעט־טאָג דעם שווערן —

ניט פאַרשטיק גערעכטן צאָרן טיף אין דיר;
ניט שלאָג זיך אין דער שטיל אָן האַרטע ווענט:
נאָר שטרענגער זיי, און מוטיק העט און שפיר,
און קרעפטיקער פאַרבייל די שטאַרקע הענט.

ווען ס'טועֶן שווערע טעג דעם מוט דיר רויבן,
און ס'הערט זיך צו דיין האַרץ צו שלאָפנדיקע שרעקן —
באַהעפט זיך מיט דיין קלאַס, האָב צוטרוי צו זיין גלויבן,
און צווייפל וועט פאַרגיין אין טויזנט שטיק צעברעקלט.

ווייל צוטרוי וועט דעם קאַמף פאַר דיר באַזינען;
וועסט דיין חלום זען — אַ פלאַטערדיקע וואָר;
און מיט דיין קלאַס וועסטו געווים געפינען
דעם וועג דעם זיכערן צום לאַנג־געגאַרטן יאָר . . .

אויפקום

באַפרייט האָט די נאַכט אַ באַגינען, געוויקלט אין ראָז,
אַ בראַנדיקער פויגל — פון גרויע, פון אַשיקע צווייגן.
נאָך ציטערט פאַרטאָגיקער טוי אויף שאַרפן פון גראָז,
נאָר ס'טרייבט שוין מיין חבר זיין אַרבעט אין געדולדיקן שווייגן.

איך גיי צו אים צו, לייג מיין האַנט אויף זיין פלייצע
און קוק אין די בייסיקע אויגן פאַרפולטע מיט שמאַרץ:
צי ווייסטו, מיין חבר? — עס האָט דיך דער שונא געלעסטערט;
ווי שפראָצן פון קאַלט ווינט געלעסטערט אין שפּעטיקן האַרבסט.

דו זעסט ניט, ווי ס'רויכערט זיך אויס אַ פרימאָרגן פון גאָלד
און פון טויען,
ווי פול און ווי פריש דורך די וואָרצלען עס אָטעמט די ערד;
ווייל עס האָט דיך דיין שונא אין שטיינערנע ווענט דאָ פאַר־
מויערט,
און מיט קנעכטישער אַרבעט דיין יונגן געביין דיר באַשווערט...

און דו — אַ געפֿאַנגענע חיה, — אַ שפּאַרבער ט'פֿאַרבראָכן די פֿליגלען, —
פֿאַלסט אונטער לאַסטיקן אָנשטרענג מיט טויט און מיט ציטער אין הענט,
און ברעכסט ניט קיין אײַזערנע שטאַנגען? קיין שווערע, קיין שטאָלענע ריגלען?
צעשמעטערסט ניט טונקעלע חורבות? פֿאַרזיגלטע טירן און ווענט?

צעלויכט זיך פֿאַרכמורעטער פּנים, געלייטערט אין שווערן פֿאַר־דראָם,
צעפֿינקלען זיך חברשע אויגן, ווי זונען צעבליטע אין מאַי.
באַלד, ווי געלאָדענע קעמלען, פֿאַרפֿולט ווערט מיט פּיין שוין די מאָס;
באַלד ווערט אַ ברוויזיקער שטורעם זיך וויקלען פֿון קנוילן באַ־פֿרייט.

דאַן ווערט זיך צעוויגן מיט בייזער פֿון דורות געבליבענע גבורה,
ווי פֿליגלען פֿון קאַמפֿיקן אָדלער פֿאַרביסן אין גיכן געשוועבֿ;
דאַן ווערט זיך צעטראָגן אויף ווייטן אַ רויטע, אַ ליכטיקע בשורה,
ווי קוואַלן פֿון שטראָמיקן וואַסער, וואָס שלאָגן אָן שטיינערנע טרעפּ . . .

וואָכיקע טעג

איז שווער אין באַהעלטן באַגינען פּון שטאָלענער ראָד דער געשריי,
איז שווער אין צעצונדענעם פּרי די שטיינערנע ווענט פּון אַ שטייג,
ווען פּון יענער זייט שויבן האָט פריידיק אַ האָן זיך צעקרייט,
ווען פּון יענער זייט שויבן זינגט פויגלשער פּלאַטער אויף צווייג...

איז שווער אין פּאַבריק זיך באַהעפּטן מיט מי פּונם האַרבן געשפּאַן,
איז שווער פּון דער וואָך צו פּאַררייסן זעקס הייסע, זעקס ליכטיקע טעג;
ווען פּון יענער זייט שויבן עס ציטערט אַ ווייסע, אַ בלענדיקע שיין,
ווען פּון יענער זייט שויבן זיך שלענגלט אַ ווייטער, אַ באַרגיקער וועג.

איז שווער אַזוי יונגן צעברויז זיין אויף אָוונט מיט מאַטער באַשערט,
איז שווער ווען פּאַר רו ליגט פּאַרטאַיעט דער שלאָף אונטער העמד;
ווען פּון יענער זייט שויבן האָט נאַכט־ווײַן פּאַרשיכורט די ערד,
ווען פּון יענער זייט שויבן — נעם שטערן און רייס מיט הענט...

יצחק אפרת

איז אַזוי גוט

איז גוט אַזוי ווען מאָרגנס קומען ניט קיין בייזע און פאַרטרויי־
ערטע,
ווען מאָרגן קומען ניט מיט אומרו אין די טריט;
ווען איבער גאַסן פריידן יונגע הויערן,
און איבער מאָרגנס ליכטיקע צעהוידעט זיך אַ ליד.

איז גוט אַזוי: מען דאַרף אין זיך ניט שטיקן קיין געשריי,
מען קען אַזוי אַ לאָז טאָן זיך אויף ווינט מיט פרייער ברוסט,
און רואיק זאָגן זיך: ביסט פריי! — נעם און גיי!
גיי זיך גלאַט אַזוי, וואו נאָר דו גלוסט!

איז גוט ווען פיס זיינען געוואַגט און האַרץ איז שטאַרק,
ווען בייז געמיט איז אומרואיק און ביטער, —
אַ לאָז טאָן זיך אַ פרייער אויפן שליאַך,
און זען ווי וועלט אין בלוי פון הימל ציטערט.

פאַררייסן ווילד דעם קאָפּ אין פולקייט פון דערמאָנונג —
אַ אינגלינג — ווייסט נאָך ניט פון זאָרגן;
~~באַגעגענען אַ בין וואָס זויפט זיך האָניג,~~
שטילערהייט פאַרבויגן זיך — גוט מאָרגן!

אומרואיקע יאָרן

ניט דערשרעקן זיך פּאַר ווילדן פּייף פון קוימען, —
און אין גלי פון בלוט אַ רואיקייט באַפאַלט;
פון פעלדער פריילעכע, געזעטיקטע מיט זוימען,
פון גרינע הויכקייטן — פון רוישנדיקן וואַלד.

פון ווילדע ווינטן, שטעכיקע ווי פיילן,
פלאַטערט אויף דאָס העמד — קוואַלנדיק און ברייט;
איז אַזוי גוט צו שפּאַנען, מעסטן ווייטע מיילן,
פרייער ווערט דער גייסט, פאַרבאַקן ווערט די הויט.

שיילט פון זיך דאָס לייב מיט ליכטיקייט דער פרי;
און די רחבות רופט צו פלאַטערדיקער בויאונג:
געבענטשט איז דער, וואָס ניט מיט קנעכטנדיקער מי
פאַרביטן האָט פאַבריק אויף הימלדיקער בלויאונג . . .

יצחק אפרת

דעם סטרייקערס באַלאַדע

ליגט ערגעץ פאַרוואָרפן אַן אָרעמע הויז —
אַ חורבה פאַרוואַלגערט אין שאָטן;
ס'האָט דיל שוין צעפרעסן פון הונגער אַ מויז,
וויל דלות פון דאַנעט שוין מער ניט אַרויס,
זיינען ווענט דאָ מיט טרויער פאַרשאָטן.

ווי שליימיקע מאָכן דאָ הויערט די נויט,
ווי שפינוועב אין ווינקלען פון שייער;
שיילט הונגער אַראָפ דאָ פון מענטשן די הויט:
ס'האָט לאַנג שוין דער טיש ניט געזען דאָ קיין ברויט,
און דער אויוון קיין פריילעכן פייער . . .

— — — — —

ס'האָט זון אירע שטראַלן די ערשטע פאַרשפיגלט
אין רוישיקן אומרו פון שוימיקן טייך;
זיצט מאַמע פאַרבויגן און וויינט איבער וויגל,
און טאָג רייסט אַריין זיך דורך פענצטער און דאַך.

— רואיק זיי, קינד מיינס, באַלד קומט אָן דיין טאַטע,
זע, ווי באַזוניקט עס ווערט אונדזער שויב.
נאָר עס וואַרפט זיך דאָס קינד פון הונגער פאַרמאַטערט,
ווי עס צאַפלט מיט פליגל אין אַנגסטן אַ טויב . . .

— ס׳איז דיין טאַטע אַוועק נאָך אין גרויען פאַרטאָג,
געהויקערט, פאַרזאָרגט און דערשלאָגן:
געטראָגן פאַרקויפן זיין איינציקן ראָק, —
דאָס לעצטע וואָס מיר נאָך פאַרמאָגן.

עס גייט אָן אין שאַפּ, וואו דיין טאַטע עס אַרבעט,
שוין וואָכן און וואָכן אַ בלוטיקער סטרייק, —
און עס זאָגן די באָסעס די זאַטע און האַרבע:
נעמט, סטרייקער — די שטיינער פון ברוק און צעקייט . . .

האָט אונז דלות פאַרנומען אין דער לענג און אַרום, —
דיר, קינד מיינס, כ׳קען זאָגן דעם אמת, דעם ריינעם:
כ׳האָב נעכטן געבעטלט, פאַרצווייפלט און שטום,
נאָר מיין ווייטיק דער שטילער גערירט׳ האָט ניט קיינעם...

יצחק אפרת

פאַרטאָג

איך און מיין חבר שפּאַצירן מיר ביידע,
באַוויייזט זיך אַ ליכט אויף אַן אויבערשטן גאָרן.
הויבט אָן מיין חבר אין בענקעניש ריידן
פון לאַנג שוין געלעבטע, פאַרגאַנגענע יאָרן.

ער רעדט פון פאַרשוואונדענער פרייד שוין און ווייטיק,
און וויגט זיך ווי אַ שאָטן פאַרטוליעט אויף וואַנט:
— „איז עפּעס פאַר מיר אין פאָראוים וואו געגרייט נאָך?
איז נאָך געבליבן וואו דאָ? איז נאָך האָפנונג פאַראַן?"

אין גרויע פאַרטאָגן ווערט שטילער און קעלטער.
מיין חבר׳ס פאַרדראָס איבער נעפּלען צערינט.
— „עס וואַקסט אין מיר אומרו מיט טעג וואָס כ׳ווער עלטער
און ס׳טוט אַזוי באַנג, וואָס כ׳בין שוין אוים קינד!"

איז מיין חבר צעבראָסטעט, מיט אָפענע גלידער,
מיט פיינלעכע שפּורן פאַרקריצט אין געזיכט.
אָבער איך אין די רייען פון קאָמפּיקע ברידער, —
דערשפּיר שוין דעם אָנקום פון טאָגיקן ליכט . . .

אומרואיקע יאָרן

פרעד

(פּאָעמע)

איך און פרעד און נאָך אַ פערצן מאַן,
אַרבעטן ביי קלעצער און ביי ברעטער;
טראָגט מען אויף די פּלייצעס וויפיל נאָר מ׳קען,
וואַקסן הורבעס ברעטער העכער אַלץ און העכער.

מיר אַרבעטן אויף ברעגן פון פּאטאמאק,
ברענגט מען ברעטער מיט דער שיף אַריין;
איז דאָס פאַר דער שטאָט נאָך ווייניק,
ברענגט מען ברעטער אויכעט מיט דער באַן.

לאָדן מיר די באַנען און די שיפן אויס,
לייגן אויס די ברעטער אין קוואַדראַטן;
וואַקסן הורבעס ברעטער העכער פון אַ הויז, —
אויסגעשטעלט אין רייען ווי סאָלדאַטן.

פרעד איז פעסט און הויך און ברייט,
און אָדערן ווי שטריק פאַרציען זיינע אַקסלען,
אויפן קאָפּ די קוטשמע האָר איז רויט,
און דאָס פּנים — מיט אַ רויטער באָרד באוואקסן.

איז וואו אַ שווערער קלאָץ, און וואו אַ גרויסע משא, —
רופט מען פרעד'ן מיט די ברייטע אַקסלען.
שווימט דורך דער קלאָץ, ווי אויף אַ שוימיק וואַסער, —
און די הורבעס קלעצער וואַקסן אַליך און וואַקסן.

ס'האָט פרעד מיך איינמאָל איינגעלאַדן אין זיין צימער:
— „ס'איז ניט ווייט מיין פענצטער פון דער טיר;
קענסט דורך דעם ניט זען קיין ברעקל הימל —
וועלן מיר פאַרטרינקען זיך מיט ביר . . ."

כ'זעץ זיך אויף אַ בענקל לעבן טיר אַוועק
און טרינק מיין ביר פון פאָרצעלייען טעפּל.
צוערשט האָט פרעד זיך גלאָט אַזוי גערעדט, —
נאָר פּלוצים שטיל זיין לעבן אייגענעם פאַרטשעפעט.

— „נאָך אַ רידל בענקען מיינע הענט,
און אַן אַקער־אייזן ווילט זיך מיר באַזינגען.
אָן זיי איז חכמה מיינע נאָר פאַרטעמפּט,
און פויל עס שלאָפט די פלינקייט מיינע אין די פינגער.

איך זע אַ דרעש־מאַשין מיט אַ צעעפנט מויל,
אַ סנאָפּ ביי אים איז בלויז אַ קליינער ביסן;
פון איין זייט לויפן זאַנגען אויסגעדראָשן הויל;
פון צווייטן — קערנער פולע פליסן.

אומרואיקע יאָרן

אין גאָרטן צייטיקן די זומערדיקע עפּל,
דעם וואַלד באַזוימט אַ וואָלקן האָט מיט גרוי,
און קילע פרייד אין מוסקולן זיך צאַפּלט, —
עס שמעקט דער שווייס ווי פרילינגדיקער טוי.

די זון פאַרגייט — אַ פייערדיקער רייטער.
דער אָוונט אָטעמט אויף מיט קילנדיקן ווינט;
ס'קומען אָן פון פעלד מיט פולע אייטערס —
זאַטע, מעלח־גרה'דיקע קי.

די שטוב איז גרויס, אַ גרינער דאַך צום הימל איז פאַרהויבן,
דורך שויבן רינט אַריין אַ שטערנדיקע נאַכט.
ווער וואָלט זיך אַמאָל געקענט גאָר גלויבן,
אַז איך זאָל זיין אין איר אַן איבעריקער גאַסט?! . . .

ס'איז אונזערע דאָס לאַנד פון יאָרן שוין אַ סך, —
געגעבן האָט מען דאָס מיין עלטער־זיידן אַ מתנה.
הינטער הויז — עס פּליסטערט אומרואיק אַ טייך,
און גרייכט מיט לייטער זילבערנעם צו דער לבנה.

איז געגנט אונזערע אַ טריקעניש באַפאַלן,
האָט פּעטע ערד צעשטויבט זיך ווי אַ זאַמד;
און ווען ס'האָבן קי פון הונגער אָנגעהויבן פאַלן,
האָט איך פעלד פאַר'משכנ'ט צו דער באַנק.

גערעכנט כ׳האָב: אַ יאָר, צי צוויי — מיט שווערער מי
פון אייגן פעלד אַראָפּנעמען די באָרגן;
עס שלעפּן זיך שוין זיבן יאָרן שווערע מי,
נאָר יעדער היינט פאַר׳משכנ׳ט איז צום מאָרגן.
אין טאָג ווען כ׳קריג פאַר מי פון גאָרער וואָך, —
פאַרשוואונדן ווערט דאָס גיך ווי מיטן פייער;
כ׳גיב אַלץ אַוועק און בין זיי שולדיק נאָך,
און ערגעץ וואו
איז נאָך אַ חוב
אַ קלייניקער
פאַרטאַיעט...

און ווען די צייט פון צאָלן איז געקומען, —
קענסט דען באַנק באַצאָלן מיט דיין נויט?!
האָבן זיי דאָרט אַלץ ביי מיר פאַרנומען,
ביז דער לעצטער אויסגעדרעשטער שטרוי . . .

אַ גאַנצן טאָג די אַרבעט האַלט אין זידן,
עס רוישט די שטאָט מיט שרויט פון באַראַבאַן;
און ווען איך קום אַהיים ביינאַכט אַ מידער, —
לאָזט ניט רוען קלונג פון לויפנדיקער באַן.

ניט קיין ברייטע פעלדער וויגנדיקע זאַנגען,
איז מיין אויג באַשערט מיט ליכטיקייט דערזען;
ס׳האָבן קוימענס הויכן דאָ געפאַנגען,
ס׳האָבן רעלסן מאַמע־ערד פאַרקלעמט.

אַזוי פֿאַרפּלאָנטערן זיך וועגן מיינע ווי די רעדער:
אויפֿוויקלען ווער קען דעם פּלאָנטער פֿון אַ קנויל? . . .״
אַזוי האָט פֿרעד געהאַלטן אַלץ אין ריידן,
מיט אַ כריפּנעם, טרויעריקן קול . . .

בלייב איך אַזוי זיצן קאָפּ פֿאַרלייגט אויף אַקסל,
בלייב איך אַזוי זיצן טרויעריק־פֿאַרטראַכט.
נאָר ביי פֿרעדן — אויגן שעמערירן, בליאַסקען,
ווי די בלויע שטערן אין דער נאַכט . . .

יצחק אפרת

ווילט זיך מיר אַמאָל אַזוי

(דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין טייערן חבר אייזיק בעקער)

ווילט זיך מיר אַמאָל אַזוי אין אַ שווערער מינוט,
ווען די זון וואַרפט אין פענצטער איר גאָלד אַטריבוט,
און ציט אַרויס פון מיין לעמפּל דאָס ליכט דורכן גלאָז,
און ווייזט מיר אַ לאָנקע באַוואַקסן מיט גראָז,
וואָס איז זאַפטיק און גרין און טויאיק און פייכט,
און דעם ווילדן געדריי פון אַ שפּילנדיקן טייך.

און פויגל זיך שווענקען אין ליכט פונם טאָג,
אַ קו מעלה־גרה'ט און קלינגט מיטן גלאָק,
אַ פערד טאַנצט אַרום מיט געפּענטעטע פיס,
און ערד וואָס עס רויכערט, געפּעטיקט מיט מיסט,
און כוואַליעס מיט זאַנגען, וואָס רעדן מיט ווינט,
און אַ וואַלד וואָס פאַרוויגט אין די צווייגן אַ קינד . . .

ווילט זיך מיר אַמאָל אַזוי ביי דער אַרבעט אין אַ שווערער מינוט,
ווען די זון וואַרפט אין פענצטער איר גאָלד אַטריבוט, —
טאָן אַ נעם די מאַשין און אַ זעץ אָן דער ערד, —
ווייל זי האָט מיינע ליכטיקע טעג מיר פאַרשטערט!
עס זאָלן פליען אַזש שטיקלעך און קלינגען מיט שפּאָט —
און אַליין כ'זאָל אַנטלויפן ווי אַ ווילדער פון שטאָט,
און אויסטאָן זיך נאַקעט ווי אַ גלוסטיקע ווייב,
און וויקלען אין גראָז מיין צעפּאַסעוועט לייב,
און טאַנצן און שפּרינגען, זיך דרייען אין קנויל, —
ביז דערשפּירן פון אור־אַלטן זיידן דעם גרויל . . .

אַן אייגענע שטוב

שטעלט זיך פאָר:
עס איז אויפדערנאַכט
אין שפּעטן פרילינג.
עס האָט אַ גאַנצן טאָג
אַ זון אַ מעכטיקע געברענט,
און איר האָט דורך טאָג
געאַרבעט שווער —
מיט קאָפּ און מאַרך און מיט די הענט.
גייט איר איצט אין פרישן אויפדערנאַכט,
אין שפּעטן פרילינג,
דורך הינטער־טיר
פון אייגענער, באַקוועמער שטוב —
צו נאַכט . . . צו גאַס . . .
און יונגן ווינט דעם קילן.

עס עפנט זיך פאַר אייך
פון גראָז אַ גרינער „לאָן“,
און בוימער ביי די זייטן זיינען דאָרט פאַראַן —
און אין דער מיט — אַ וועג אַ שמאָלינקער פון זאַמד,
וואָס פירט אַזוי זיך
באַרג אַראָפּ,
צום ראַנד
פון טייך.

און אייך איז אַזוי גוט,
און אייך איז אַזוי קיל.
איר זעצט זיך דאָ
און רוט זיך אָפּ
פון אָנשטרענג און פון מי!

. . . . . .

איר האָט ניט אַזאַ הויז?
איר האָט ניט אַזאַ „לאָן"?
פאַרוואָס?
זיינען דען אין לאַנד
אַזעלכע הייזער ניט פאַראַן?
איר האָט אַליין פאַר זיי געגראָבן פונדאַמענטן,
די ווענט מיט דאַך באַקרוינט.
נאָר איצטער —
עפּעס גאָר אַ מענטש אַ האַרטער
און אַ פרעמדער דאָרטן וואוינט.
— נו, טרייבט מען אים אַרויס —
זאָל ער אַליין זיך אויסבויען אַ הויז!

איך ווייס: עס איז שאַבלאָן.
עס קריכט אייך שוין פון מויל.
מען האָט שוין טויזנט מאָל גערעדט צו אייך דערפון, —
איך ווייס!
אַזוי איז אָבער אויכעט ריצען־אויל —
פּעט און איבלדיק — און דאָך געזונט;

אומרואיקע יאָרן

ווי געזונט עס איז אַן אייגענע, באַקוועמע שטוב,
וואָס פירט דורך הינטער־טיר צו גרינעם „לאָן",
צום שמאָלן וועג פון זאַמד —
אַזוי זיך באַרג אַראָפּ,
צום ראַנד פון טייך,
וואָס שווימט און רוקט זיך אָן,
און וויגט אייך צו אַ פרייד אַזאַ אַ ריינע.

אין הימל הענגט —
אַ בלוי־געשטרייפטע פאָן,
אויף הויכע שפּיצן פון די ביימער.
און איבער וואַסער
גיט דער פרילינג ווינט אַ קלונג:
אַלץ איז יונג! . . .

קריזיס

(פּאָעמע)

מיינע הענט צום האַמער צוגעוואוינטע, —
מיינע קלוגע, סטאָליערישע הענט.
אין שטילן צער נאָר שטענדיק זיי געדענקען:
אַרויף אַ דאַך זיך ציט אויף אויפגעשטעלטע ווענט.

און איך אויף סאַמע שפּיץ. די אויגן שווינדלען,
אַ פול מויל איז אָנגעשטאָפּט מיט נעגל, —
דעק דעם דאַך מיט פרישע סאָסנע־שינדלען,
אַ שויץ פאַר הייסער זון, פאַר שטורעם־ווינט און רעגן.

אין מיטן טאָג, ווען שאָטן איז אונטער פּיס פאַרגאַנגען,
און הייזעריקער פייף צעשניידט די לופט מיט ציטער,
האָב איך פאַר פרייד מיט הענט געקענט דערלאַנגען
די אומרואיקע זון — דעם אייביקן „אַרביטער".

אויך דאַן ניט אַלץ איז מיר געווען פאַרגרייט,
אויך דאַן פלעג איך ניט באָדן זיך אין שפע;
ס'פלעגט אָפּטמאָל אויספעלן דאָס פּראָסטע שטיקל ברויט,
אָפּטמאָל אָן אַ מאַנטל פלעגט מיך ווינטער טרעפן.

ווען אָבער נאָכן טאָג — און דאַך איז שוין געדעקט, —
איז גוט אַזוי געדענקען, גוט צו וויסן:
עס וועט אַ מענטש מיט אָפּשיי, מיט רעספּעקט,
פון דיין מי דיין פליייסיקער געניסן . . .

***

איז פאַראַנען אין ציקל פון יאָרן אַ מאָדנער קאָנפליקט:
אין לענדער וואו רייכע רעגירן די אַרבעט־געמיינדעס;
ווען איבעריק ס'ווערט דאָרט די אַרבעט פון שווייסיקער מי,
ווען איבעריק ס'ווערן די נוצן פון שווערער עבודה.

ווייל פאַראַן איז אין לאַנד אַזאַ אָנקלייב פון אַרבעט פאַרגרייטער,
עס ווערן אַזש שפּייכלער מיט פאַרטיקע סחורות געשוואָלן;
קען אַרבעטער־מענטש פון אָרעמע שטיבלעך פאַרגרויטע,
מיט מי פאַר זיין טעגלעכן לעבן שוין מער ניט באַצאָלן.

האָט ציקל אַזאַ אונדזער וואַרשטאַט פאַרשאָטן מיט שטויבן.
שפּייען פאַבריקישע קוימענס שוין מער ניט קיין רויך און קיין
פונקען.
גייט הונגער אַרום איבער הייזער מיט חוצפּה פאַרהויבן.
גייט אַרבעטער־מענטש איבער גאַסן מיט קאָפּ און מיט רוקן
געזונקען . . .

עס איז געווען אין האַרבסט: אַ טאָג אַ מאַטער.
אין כמורנער גרוי איז איינגעהילט די שטאָט.
ס'האָט האָדסאָנ'ס כוואַליעס אומרואיק־קודלאַטע,
מיט פּראָפּעלער שטאָלענעם געשניטן פאַראַכאָד,

און אויסגעווײנט אין נעפּל אַן אַלאַרם, —
געוואָיעט לאַנג, געוואָיעט אָנגעצויגן;
שיפֿן פֿון אַנטקעגן־זייט געוואָרנט:
— „קאַפּיטאַנען, אָפּן האַלט די אויגן!"

ערשט פֿאַרנאַכט האָט זון אַ קרענקלעכע, מיט שפּיזלדיקן רים,
אַ בליק געטאָן אַן ערנסטע און האַרבע;
האָט באַלעבאָס מיט קלאַנג פֿון מערדערישע פּים,
אָפּגעזאָגט אונדז אַלעמען פֿון אַרבעט.

זינט דאַן האָט צייט מיט ביינערדיקע קלאָען,
אויף מענטש אויף האָרעפּאַשנעם שווער גערימן;
ס'האָט ערגעץ וואו אין וואָל סטריט קרומער גאון,
זיך אויף קרומע וועגן ווילד פֿאַרשניטן . . .

כ'בין נאָך יונג און שטאַרק און פֿול מיט פֿרייד,
און כּוח וועט אויף יאָרן לאַנג נאָך קלעקן;
נאָר ס'ווערן מער קיין הייזער ניט געבויט,
און ס'איז ניטאָ קיין דעכער מער צום דעקן.

האָב איך מיט שמאַכטעם אָנגעשטאָפּט אַ קאָרב:
קאַמען, בערשט, מעסערלעך און זייף —
טראָג דאָס אום, ווי איינער טראָגט אַ האָרב —
און שריי: „ווער קויפֿט? — ווער קויפֿט? . . ."

אומרואיקע יאָרן

ווײַנען מײַנע הענט אויף אַזאַ וויסטן יום־טובֿ,
קען איך צער פֿון קלוגע פֿינגער ניט פֿאַרווישן.
וואָלט איך אַוועק צו נײַע האָריזאָנטן,
וואָלט איך פֿאַר'שכור'ט הענט מיט אַרבעטן מיט פֿרישע.

וואָלט איך אין ווײַטע לענדער וואו פֿאַרפֿלויגן,
וואָלט איך זיך אָנגעטרויט דעם אומרואיקן ווינט, —
טראָגט פֿאַר מיר מײַן ווײַב אַ ליבשאַפֿט אין די אויגן,
טראָגט פֿאַר מיר אַ שמייכל אונזער קינד.

גיי איך אַ פֿאַרזאָרגטער אום אַזוי, —
נידעריק און שטום פֿאַרלאָרן,
קוק אויף מײַנע הענט — די האַמערס צוויי, —
אַ הונגעריקער אין דעם רײַכן לאַנד פֿון קאָרן.

און אין די אָוונטן פֿון קאָרב שוין אַ באַפֿרײַטער,
גיי איך אום און קלער אַליין פֿון אַ ברעג,
ביז פֿרימאָרגנס בלײַכער פֿײַער
צעשטויבט דעם אַספֿאַלטענעם וועג.

ווערט מײַן שמייכל אויסגלײַטערט,
אָנגעכמורעט מײַנע ברעמען:
כ'וויים פֿאַרוואָס די שלעכטע צײַטן,
כ'וויים פֿאַרוואָס און צוליב וועמען.

י צ ח ק   א פ ר ת

ס'איז פֿאַרפֿרי דאָס פֿעלד פֿאַראַקערט,
ס'איז דאָס פֿעלד אין צייט געשניטן.
וואָס זשע גייען שניטער נאַקעט,
הונגעריק, ווי אָסיען ווינטן?

ס'איז אין לאַנד דאָ אַלץ פֿאַראַנען:
שפּייכלער פֿול ביז לעצטן גאָרן;
זייד און וואָל און ווייכער סאַמעט,
פֿלייש און מילך און זאַטער קאָרן.

נאָר עס טוט אַ שטאַרקע לאַפּע
דאָס מיט טויזנט שלעסער היטן;
גייען אום די שניטער נאַקעט,
הונגעריק, ווי אָסיען ווינטן . . .

איז מיין שנאה אויסגעלייטערט;
רייף מיין רויער כמורנער צאָרן.
וויל איך וואַרפֿן אין די שטרייטן,—
מיין געביין און יונגע יאָרן.

האָב איך רויען האַס און טעמפּן
אָנגעקליבן און געבראַכט;
און פֿאָרזיי דאָס אויף די פֿראָנטן —
פֿאַר דער לעצטער, גרויסער שלאַכט!

אומרואיקע יאָרן

טאָ לאָמיר זיך צום שלאַכט אַנטשיידענעם פאַרגרייטן,
ווי ס׳גרייט זיך ווינטערדיקע נאַכט צו קאַלטן ווינט;
און אויב פאַרגיין מיר וועלן אין גליקלעכסטן ווייטיק, —
לאָזן מיר דאָך טעכטער, לאָזן מיר דאָך זין . . .

— — — — —

נאָכן שלאַכט וועלן זיין מיט ליבע אָפּגעהיט
יענע בייזע טעג פון פלאַטערדיק געראַנגל;
און ניט פאַרגעסן וועלן ווערן יענע טריט,
וואָס זיינען אויפן וועג צום גרעסטען זיג געגאַנגען . . .

ערשטער מאַי

1

אין קאַמפּן ווערן אַלע טעג באַנייט;
און קיינמאָל איז דער היינט ניט גלייך צום נעכטן, —
נאָר אַנדערש נאָך פון זיי איז ערשטער מאַי,
און גאָלדיקער זיין קלונג פון פרייַלעכן געלעכטער . . .

עס האָט זיך ווינטער אין פאַרגאַנגענהייט פאַרקריצט;
צייט פון קעלט און שנייען איז פאַרביי.
נאָר ניט פון צייטן־אומבייט עס דערמאָנט מיך איצט —
דער ערשטער מאַי . . .

ערשטער מאַי!
און ערגעץ וואו אין מיר פּולסירט אַ ניגון,
כ'זע אַ גאַס פאַרשווינקט מיט זונענדיקער שיין,
און הימלען לויטערע אין וויטקייטן זיך וויגן.

דעריבער האָט מיך גאָלדענער באַגינען
געטראָפן היינט אין מונטערקייט פאַרגרייט:
וועט מען היינט געווים שוין מיך געפינען
אין אַ דרייסטער, חברישער ריי.

אונ די רייען, וואָס פאַרשטייען און וואָס גלויבן,
וועלן היינט אין שטאָט פאַרשפּרייטן ברייטע פאַלדן.
ווער וועט די קראַפט, די רויע, יונג און שטויביק, —
קענען שפּאַלטן?

— — — — — — — —

פריידיק צעשטראָמט און וואונדערלעך העל,
אַ טאָג הענגט אויף זוניקע זיילן.
ס'האָט זון היינט צעעפנט איר ליכטיקע קעל,
אויף רוישיקע שטאָטישע מיילן . . .

ערשטער מאַי

2

וועט אַ טאָג אַזאַ זיך היינט צעפלאַקערן
מיט באַוועגונג און מיט שטאָלץ אין בליק.
ווען פרייע טריט די גאַסן היינט צעאַקערן,
ווען שטומע שטיין מאַשינען אין פאַבריק.

*
* *

ווער קען דען היינט ניט זיין קיין גליקלעכער,
ווען אין דער שטאָלענער, דער גרויסער שטאָט,
פרייע מענטשן שפּרייטן און צעוויקלען זיך,
און שטרענג זיי זאָגן אָן דעם אַרבעטערס געבאָט?

עס האָט די פרייד היינט אַלעמען פאַרכלינעט.
אין דעם ווינט צעפלאַטערטן עס לאַכן פאָנען.
אַלע רוישן היינט ווי אויפגערעגטע בינען;
אַלע טראָגן היינט אַ יום־טובדיקן פּנים.

*
* *

היינט וועט דערוועקן אין מיר זיך און זינגען
אַ שטימע פון פרייהייט אין מיר;
אויף סטרונעס אויף דינסטע ווען קלינגען
די שטימע פון פרייהייט אין מיר.

און שטאָטיש געשריי ווען ניט שטערן
דערשפּירן דעם פריידיקן קלאַנג:
כ'וועל גיין אין די גאַסן און הערן
פון פרייהייט דעם רוישיקן קלאַנג . . .

אומרואיקע יאָרן

דאָס לאַנד פון ליכטיקן פרילינג

אַלע פאַרשטייען און אַלע שוין ווייסן,
אַז שטענדיק איז פרילינג אין לאַנד אינעם גרויסן;
ווייל שטענדיק איז פרילינג אין הערצער אין פרייע,
ווען ס'פילט זיך אַ מענטש, ווי ס'פילט זיך אַ חיה,
וואָס אַוועק איז פון קויט און פון שטייג צו דער פרייהייט.
מעג הימל זיין גרוי און שנייען די גאַסן פאַרשיטן, —
ס'האָט אויף אייביג אַ זוניקער שטראַל די הערצער די פרייע
צעגליט שוין.

◆ ◆ ◆ ◆ ◆ ◆

נישט לאַנג ערשט מיט עטלעכע יאָרן —
ס'איז מיט פייער פאַרקריצט אין זכרון:
האָבן מענטשן פון גרויען באַגינען,
ווען ס'פאַנגט אָן דער טאָג זיך צו שפינען,
דורך רעגן, דורך זון און דורך ליכט,
געאַרבעט מיט שוויים אויף געזיכט;
געאַרבעט מיט שטומקייט פון פערד.
ס'האָבן רייכע געגלעט זיך די בערד . . .

ס'האָט פויער מיט בלוט און מיט מיסט
באַפעטיקט דאָס פעלד און פאַרזייט.
נאָר ווען רייף איז געוואָרן דאָס ברויט,
און סנאָפעס אויף פעלדער צעשפרייט, —
האָט דאָס רייכער פאַרנומען אומזיסט.
נאָר עס זאָל אַרבעט ניט ווערן צעריסן, —
געלאָזט אים אַן עלנדן ביסן . . .

אין שטאָט איז דאָס זעלבע געשען:
אויך דאָרט זיינע רייכע געווען,
און געשונדן דעם אַרבעטערס הויט;
אין פֿאַבריקן ביי זודיקע שטאָלן,
זיין לעבן זיין יונגן צעמאָלן, —
פֿאַר האַרטן און טרוקענעם ברויט.

האָבן קינדער אויך דאָרטן פֿאַרזוכט
פֿון גבירים די ביטערע פֿרוכט:
ס'האָבן רויבער געהערשט אויף דער וועלט,
און זונען אונז אַלע פֿאַרשטעלט . . .
דערנאָך איז אָקטאָבער געקומען
מיט רויטע, פֿאַרבלוטיקטע בלומען,
מיט אויפֿשטאַנד, רעוואָלט און מיט בליי;
און אַלץ, וואָס געווען איז אונז טייער,
אַוועק איז מיט ווינט און מיט פֿייער.

נאָר ס'האָט קורצע און רוישיקע צייט,
אויף אייביק אונז דעמאָלט באַפֿרייט
פֿון רויבער און גביר'שע לייט;
און גענומען זיך בויען אויפֿסניי.
און געקומען איז נייער געבאָט
פֿון לעבן — פֿאַר דאָרף און פֿאַר שטאָט . . .

— — — — — — — —

אומרואיקע יאָרן

ס׳האָט לבנה געוויגט זיך אין וויגל,
אויפֿן טייך מיטן זילבערנעם פֿליגל,
לעבן אַלטער און הילצערנער מיל.
און אויף וויסטע, צעגריבערטע וועגן,
איז שונא באַהערשטער געלעגן, —
שטום און פֿאַרוואָרגן און שטיל . . .

איז וואָס אַז אינדרויסן איז האַרבסט,
און וועלדער מיט געלקייט באַפֿאַרבט,
און פֿעלדער פֿאַרגליווערט און שטום?
אַבי עס גייען ניט מענטשן געבויגן;
נאָר שטאָלצע מיט פֿלאַמיקע אויגן,
צום אויפֿגאַנג פֿון ליכטיקער זון . . .

יצחק אפרת

דאָס ליד פון דער פאַרזעסענער נייטאָרין

כ'דריי די מאַשין און עס טאַנצט אום די נאָדל,
כ'ניי אַמאָל זיידנס, כ'ניי אַמאָל ליין;
אַזוי־אָ פאַרניי איך מיין לעבן מיט פאָדעם, —
מיין לעבן פון נעכטן, מיין לעבן פון היינט.

כ'דריק אויפן טרעטער, מאַשין מיינע דרייט זיך;
נאָר אָן בלישטש פון דער נאָדל פאַרהאַלט זיך מיין בליק.
מיין בלוט טוט אַ צאַפּל, מיין האַרץ עס דערפרייט זיך:
עס שטעפּט דאָך מיין נאָדל גאָר מיידלשן גליק.

פאַר ציכטיקער כלה כ'ניי איצט אַ קליידל.
זי וועט דאָס אָנטאָן מיט פלאַטער און לוסט:
עס וועט זיך פון אויפרעג פאַררויטלען דאָס מיידל, —
און טוליען דאָס זיידנס צו כוואַליקער ברוסט.

זיך שפּיגלען פון ווייטן, זיך שפּיגלען פון נאָענט,
און איינפלעכטן רויזן אין קרייזלעך פון האָר;
און ס'וועט זיך אין אויגן צעפינקלען אַ יום־טוב:
דער יום־טוב פון פרילינג — פון זיבעצן יאָר.

און מיט אומרו און נייגער דערוואַרטן דאָס אינגל —
זיין זאָגן — „דו שיינסט, ווי אין טויען אַ בלום!"
און עס גנב'עט אויף פינגער איר דימענט פון רינגל
פונקען פון טאָג און פון ליכט און פון זון . . .

— — — — — — — —

איז וואָס, אַז מיין לעבן אין שאַפּ איז פאַרגאַנגען?
איז וואָס, אַז מיין בלוט איז געצווימט שוין און מילד?
כ'ניי אַמאָל זיידנס, כ'ניי אַמאָל ליינען;
און חלום — מיין לעבן איז הפקר און ווילד . . .

איז וואָס, אַז מיין פּנים פאַרקריצט איז אין קאַרבן?
איז וואָס, אַז מיין האַרץ האָט ניט מער קיין באַגער? . .

— — — — — — — —

נאָר עס שימערט אַ פלעק אין די זיידענע פאַרבן;
און עס ציטערט אין ווינקל פון אויג איר אַ טרער . . .

יצחק אפרת

דאָס אייניקל

(פּאָעמע)

און עס וועט זיין —
וועז אונזער אייניקל וועט לייענען די געשיכטע
פון פאַרגאַנגענעם אַמאָל און פון פאַרצייטן, —
וועט זיין לויטערדיק פּנים — יונג און ליכטיק,
מיט אַ שאָטנדיקן ציטער זיך פאַרבייטן.

און אַ וואונדער פון זיין שמייכל וועט זיך שיילן.
ס'וועלן פולסן טאָן פאַרדראָסיק אַ באַוועג,
ווען געשיכטע וועט פאַרטרוילעך אים דערציילן, —
וואָס געווען איז, וואָס געשען אין יענע טעג.

ער וועט לייענען —
ס'האָבן מענטשן געאַרבעט ביז לעצטע מינוטן פון לעבן,
געאַרבעט מיט לאַנגן, מיט בלוטיקן זון־גאַנג;
געבויט און געמויערט, געשפּונען די שענסטע געוועבן,
געאַרבעט מיט קאָפּ און מיט האַרץ און מיט לונגען...

די באַן האָט געקרייצט קאָנטינענטן אויף טויזנטער, טויזנטער מעטער.
ס'האָבן שיפן צעאַקערט די כוואַליעס פון שטורמיקע ים'ען.
ס'האָבן אויטאָס צעריבן די ווינטן מיט שוימיקע רעדער, —
און לופט האָט וויברירט מיטן ציטער פון לויפיקע פלאַנען.

ס'זיינען פעלדער פאַרזייטע געוואַקסן מיט קאָרן און ווייצן,
מיט הייזער פאַרבויט זיינען פלאַכן פון יעדן קוואַרטאַל,
נאָר היימלאָז און הונגער, געדריקט האָט ביי מאַסן די פּלייצעס,
ווייל אַלץ... טאַקע אַלץ, האָט פאַרנומען פאַר זיך קאַפּיטאַל!...

.2

עס האָבן אויף מעכטיקע לענדער מיט חוצפּה געהערשט דיק־טאַטאָרן,
און האָבן געלייגט אויפן פאָלק זייער שטרענגען געבאָט;
און ווי איז געווען צו יענע, אויף וועמען ס'האָט הערשער גע־צאָרנט:
ער האָט זיי אכזריש פאַרטיליקט מיט אייזערנעם טראָט.

די טאַטעס געשיקט אין פאַבריקן, צום שנעלן געדריי פון קאָנ־ווייער,
זייער היים איז געווען אַן ענגע און קויטיקע כאַטע;
צום ברויט זיי אַן „ערזאַץ" געגעבן פאַר פּוטער און אייער,
קליידער און שטיוול צעריסן, פאַרנייטע מיט לאַטעס.

זיינען קינדער, פון אויסצער פאַרבליטע,
פאַרגאַנגען אין בלוט און אין וויי;
האָט די שוואַרצע און אַלטיטשקע מטה
געאַרבעט — אי לאַנג, אי פאַר צווייי . . .

יצחק אפרת

די זין אין קאַזאַרמעס געלערנט,
געגרייט זיי צום בלוטיקן שלאַכט;
און פון פרידלעכע, שכנישע ערדן,
מיט פולווער און פייער און שווערדן,
אַ גרויסן בית־עולם געמאַכט . . .

און טאָמער האָט איינעם פאַרדראָסן,
און געכאַפּט פאַר נקמה אַ שטיין;
איז אָדער מען האָט אים צעשאָסן,
צי אין טורמע עס פוילט זיין געביין.

און אַזוי גייט אַוועק די געשיכטע
פון צווייפאַכער קנעכטשאַפט און נויט;
די טאַטעס מיט אַרבעט פאַרניכטעט,
די זין — אויף שלאַכטפעלדער טויט . . .

קאַפּיטאַל . . . דיקטאַטור . . .
זיי זיינען דאָך צוויי, צי אַ צען אָדער הונדערט —
און מאַכן דאָך זיינען מיליאָנען! . . .
זיצט אינגל און שמייכלט פאַרוואונדערט,
אין בלייבקייט פון ליכטיקן פנים.

און עס קען ניט דאָס אינגל באַנעמען:
וואָס איז דאָן געווען פאַר אַ דור?
עס האָט דאָך זיי סטאַלין און לענין
געלערנט די ליכטיקע וואָר! . . .

אַזוי לייענט דאָס אינגל געשיכטע.
מיט פאַרצייטן ער וויל זיך באַקענען.
איז מעגלעך, אַז איך בין איצט ניכטער
און אַלץ וואָס דאָ שטייט איז דער אמת? . . .
איז מעגלעך, אַז טויזנטער, טויזנטער מענטשן,
קענען קיין צענדליק טיראַנען ניט הענגען? . . .

אַזוי האָט געזען, ווי דורך בישופדיק שפּיגל —
דאָס אינגל — די אַלטע, פאַרגאַנגענע צייט,
ביז האַלבע לבנה — אַ פּלאַטינום פליגל, —
האָט אין פאַרטאָגיקע טויען געוויקלט זיך ווייט.

. . . .

אויף שאַרפן פון גראָזן הענגט פּערל פון ראָסע
ס'איז געוועזן פון פרילינג אַ יונגער באַגינען.
צו הויכן פאַרהויבט זיך אַ יונגע בעריאָזע,
און טונקט מיטן קאָפּ זיך אין פייערן גרינע . . .

יצחק אפרת

מיינערס

(פּאָעמע)

1

דריל דעם שרויף אין פֿלאַסט און דריל,
ווי די פֿליגלען פֿון אַ מיל.
קלאַפּ מיט לאָם אין שוואַרצער וואַנט,
ביז געשוואָלן ווערט דיין האַנט.
גראָב אין ברייט און אין דער טיף,
שפּיל מיט טויט און דינאַמיט.
זאָלן לונגען ווערן שוואַרץ:
גיב מיר לעצטן קלאַפּ פֿון האַרץ.
זאָל אַזש שוימען בלוט פֿון מויל:
גיב — מיר — קויל . . .

2

ס'האָט זון ניט געזויפֿט נאָך פֿון נעפּלען און טויען פֿון גראָזן,
עס האָבן נאָך נאַכטיקע ווינטן — קילע ווינטן, ווי כוואַליעס געבלאָזן.
עס זיינען נאָך קינדער געשלאָפֿן באַרוטע אין וואַרעמע וויגן,
עס האָט נאָך קיין פֿויגל קיין ערשטער פֿאַרצויגן אַ מאָרגנדיקן ניגון.
עס האָט זיך די צייט נאָך געבאָדן אין נאַכטיקן טונקל,
נאָר עס האָבן שוין מיינערשע פֿענצטער מיט ליכטער געוואונקען.

3

אין אַ געסל אין אַ קרומער, אָן אַ זייט,
שטייט אַ שטיבל — אַלט געוואָרן פאַר דער צייט.
און אין שטיבל זיצן יונגע מאַן און פרוי
און זיי רעדן און זיי טענה'ן אַט אַזוי:

זאָגט די פרוי צום מאַן באַשיידן מיט געבעט:
— „לאַנגע שעה'ן אין די טיפן פון דער ערד,
לאַנגע שעה'ן אין דער פינצטער און געפּאַר,
גיט אַ וואַסער זיך אַ וואַליע און אַ שפּאַר,
און פאַרגיסט די גאַנצע שאַכטע ביז צו הויך —
און מיין מאַן — ער בלייבט דאָרט ליגן קאַלט און טויט.

אָדער גאַזן רייסן אויף זיך פון דער טיף —
און מיין מאַן — ער בלייבט פאַרשאָטן און דערשטיקט...
אפשר וואָלסטו ערגעץ וואו געפינען
אַן אַנדער אַרבעט, וואו דאָס ברויט פאַרדינען,
נאָר קיין מיינער מערער שוין ניט זיין?
ווייל אויף מיינער'ס שוואַרצע, טויבע יאָרן
גיסט זיך אוים אַ פולע מאָס מיט צאָרן, —
גיסט זיך אוים אַ פולער בעכער פּיין.

קרומע וועגן אין די שאַכטעס ווינקען;
מיינערס ווערן דאָרט פאַרשאָטן און דערטרונקען,
מיינערס ווערן דאָרט פאַרשניטן יונג צום טויט.
אַלע לאָמע וועגן אין די שאַכטעס פירן
צו דעם טויט'ס פאַרמאַכטע קאַלטע טירן.
מיינערס ווערן דאָרט באַגראָבן שטילערהייט, —
איז פאַר מיינערס ווייב דאָס לעבן ביטער:
שטענדיק צאַפּלט זיך איר האַרץ און ציטערט;
אירע אויגן פולע מיט געוויין.
געפאַרן זיינען דאָרט ווי פויגל־סטאַיעס.
פלוצלונג פון די טיפן ברעכן אויס דאָרט פייערס;
און מיין מאַן קומט מערער ניט אַהיים . . .״

זיצט דער מאַן מיט קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
נאָר אַ פייער טונקט זיך אין די אויגן,
און מיט ליבשאַפט צערטלט ער איר באַק:
— „פעלז און זון און טייך לאָקט מיך אויך און רופט,
און דער ווינט וואָס שפּילט זיך אין דער לופט, —
נאָר אַמליבסטן איז מיר לאָם וואָס קוילן האַקט.
ווייל שווער פאַר מענטש זיין נייגונג צו פאַרבייטן,
ווי שווער דעם וואָלקן איז אַנטלויפן פונם ווינט;
מיט שאַכטע כ'בין פאַרבונדן פון פאַרצייטן,
ווען געווען בין איך נאָך גאָר אַ קינד.

„ס'האָט מיין טאַטע ליב געהאַט די שאַכטע, אויך מיין זיידע,
האָב איך די ליבע אָפּגע'ירשנ'ט פון זיי ביידע.
איז כאָטש עס איז מיר איבעריק דיין פאָרוואורף און דיין כעס, —
טרעט ניט אָפּ דיין ליבע פון מיין האַרצן,
ווייל איך ווייס, אַז אין דיין גוף דעם איידלען און צאַרטן,
לעבט אַ גרויסע ליבע צו מיין קלאַס . . ."

טיפער הויך. פון הימל פינקלט נאָך מיט שטערן,
נאָר ווייטער האָריזאָנט זיך גאָלדיקט שוין אין פלאַם.
שאָטנס הילן איין דאָס פענצטער נאָך און הערן,
ווי אין שטיבל ווערטער צערטלעכע עס פאַלן . . .

4

אַ קליינע שטוב אין פריען אויפדערנאַכט.
מילדער ווינט. עס טריפט מיט שטילער צאַרטקייט.
אויפן שפיץ פון נידעריקן דאַך —
לעצטע שטראַלן ברענען נאָך און וואַרטן . . .

5

לויפן טעג אַריין אין וואָכן —
ווי זשע דען?
ביז עס האָט אַזוי געטראָפן
און געשען:

ס'איז די זון דעם טאָג פֿאַרגאַנגען
פֿלאַמען רויט;
איז מיין מאַן אַהיים דערגאַנגען
שטילערהייט.

איז מיין מאַן אַהיים געקומען
שווער און בייז;
און אַ שליידער קאַץ די שטומע —
און אַ שטויס.

וואָס זשע איז דיר מאַן, מיין ליבער,
זאָג מיר, וואָס?
פֿולע זיינען דיינע אויגן
מיט פֿאַרדראָס.

און דיין מויל, וואָס שמייכלט שטענדיק —
היינט איז בייז:
זאָג מיר, וואָס האָט זיך געענדערט?
וואָס אַזוינס?

האָט זיין פּנים זיך פֿאַרשניטן —
גרויער פעלז:
ס'האָבן רויבער היינט צעביטן
גראָשנס געלט.

ס'האָבן רויבער היינט באַשלאָסן:
מיט געוואַלד
אונז צו שניידן — ביז פֿאַרדראָסיק —
דאָס געהאַלט.

. . . .

טיפער הימל בליצט שוין אויף מיט שטערן.
עס רוט די נאַכט. נאָר רוישיק בלייבט דער ים.
שאָטנס הילן איין דאָס פענצטער און זיי הערן,
ווי אין שטיבל אומרואיקע ווערטער פאַלן . . .

6

ס'האָט פֿאַרטאָג זיך געדרויטלט פֿאַרבלוטיקט.
ווערט הימל אַלץ העלער און העלער.
זיינען מענטשן פון שלאָף, ניט באַרוטע,
געגאַנגען אַלץ שנעלער און שנעלער.

געוויגט זיך אין כוואַליקע שיכטן,
ווי קאָרן אין ווינטיקן טאָל;
ס'האָט זעלטן דעם ראַש דעם געדיכטן,
געבראָכן אַ לאַכיקער קול.

אַ מענגע פון שטומע אסקעטן,
מיט ביטער אין האַרצן פאַרקלעמט;
ס'האָבן שיך נאָר מיט אייזערנע טשוועקעס
דעם אַספאַלט דעם גרויען צעקעמט.

ווען זון האָט מיט וואַרעם גערעגנט,
געבאָדן די פעלדער אין פאַרבן;
האָבן שאַכטן די מענטשן באַגעגנט,
פאַר שווערער צען־שעה'יקער אַרבעט . . .

אין שאַכט האָט די ליכט אַזאַ בלאַסע,
מיט פינצטער די קויל־ווענט באַדעקט;
ס'איז דער קויטיקער דיל און דער נאַסער,
מיט גריבער מיט טיפע צעפלעקט.

ווען סירענעס זיך האָבן צעכליפעט,
און שטראָם אין מאָטאָרן צעברענט;
זיינען קללות גערונען פון ליפּן,
האָבן ציין זיך מיט רוגזה פאַרקלעמט...

האָבן מוחות געפּלאַנעװעט בונטן,
און בלוטן געזונגען רעװאָלט;
~~זיינען קללות גערונען פון ליבן~~
האָבן גרויליקע בילדער געמאָלט.

7

איז װען שניט איז געקומען אין שכירות, װי מעסער פון גזלן
אין פּלייצע,
האָט געטאָן אַ פּאַדראָס און אַ װייטיק מיינערשע הערצער
פאַרפּלייצן.
האָט פייער פון מיינערשע אויגן, װי בליצן אין שטורעם געריזלט;
האָבן זיך לעצטע און שטאַרקסטע גערולדן, װי פּעדעם װי פוילע
געריסן.

האָבן האַמערס און שרויפן און לאמען געציטערט אין מוסקולנע
הענט.
האָבן שווייסיקע טראָפּנס געשימערט װי װילגאט אויף שאַכטי־
שע װענט.
האָבן געצוקט און געבלענדט אויף די היטלען די מיינערשע
לעמפּלעך,
און געװעקט אין פאַרגליװערטע הערצער פאַרשלאָפענע טעמפּן.

פון אָנפאַנג גערעדט האָט מען שטיל און פאַרכאַפּט און מיט שרעק,
נאָר ס'האָט עפּעס אין מיינערשע מוחות געריירט זיך, געוועקט.
דערנאָך האָט אַ שנאה צעצונדן צעהיצטע, בונטאַרישע אויגן.
האָבן פויסטן פאַרשטייפטע צו הויך זיך ווי צווייגן געצויגן,

און אַ וואָרט האָט פאַרטראָגן זיך הילכיק און פריידיק און פריי־מיר
גייען
אין
סטרייק!

און זאָל שימל אַ גרינער פאַרשלינגען און רויִק פאַרוויגן די לאַוועס,
אין שטומקייט עס זאָלן מאַשינען אין שטויבן ווערן פאַרזשאַ־ווערט,
ביז צוויי שעה וועלן אַרונטער פון טויטלעכער אַרבעט און שווערער,
און געהעכערט וועלן ווערן די שכירות — אויף צוואַנציק פּראָ־צענט און מערער.

ווען עס האָבן פאַרנאַכט זיך סירענעס צעכליפּעט פאַרוואָרגן,
מיט זודיקן דאַמף,
האָבן מיינערס צו מיינערס פאַרטרויט זיך: „זייט גרייטע צום קאַמף!"
ווען זיי האָבן פון שטראָמיקע גאַסן אין זייטיקע וועגן פאַרדרייט זיך.
האָבן מיינערשע קעפּ זיך געהויבן, צעגלייכט די געבויגענע פּלייצעס.

. . . .

האָבן אין אָוונט ביי אָרעמען מאָלצייט פאַרטראַכט זיך די מיינערשע ווייבער . . .
ס'האָט פון דרום אַ פּענעץ לבנה געשמייכלט דורך זילבערנעם ליילעך.

8

לאַנגע טעג — זיי ציען זיך ווי גומי.
עפּעס לויערט, עפּעס טייעט זיך און וואַרט.
אַזאַ טעמפּער אומרו, אַזאַ שטומער,
ציטערט שווידערדיק אין מיינערס האַרץ . . .

9

פון טאָג צו טאָג אין מיינערס שטוב ווערט ליידיק,
פון די ווינקלען שרייט אַרויס די נויט.
אין פּיין, אין גרויל און אין ווייטיק,
האָבן בלוטיקע טעג זיך פאַרדרייט.

און ס'וואַקסט אונזער שרעק יענעם זומער,
און וואָכן זיך שלעפּן פאַרגרויט:
מיר שווייגן אין הונגער, אין אומעט,
אין בענקשאַפט נאָך מאָגערן ברויט.

10

אין דער שטילקייט, אין דער פינצטער פון פאַרטאָג,
האָט אַ ווייב אין זיך געטראָגן אַ פאַרדראָס.
מיט אַ בעזעם נאָך אַ קער און נאָך אַ ווישׁ, —
איז אַ ווייב געפאַלן וויינענדיק צום טיש . . .

אַז די יוניאָן האָט באַפוילן — איז באַפעל!
איז אויף פיקעט, איז אויף הפקר, איז אויף גרויל!
ווער וויל צוהערן צום ווייב זיך און פאַרשטיין,
ווען עס האָט אַ סטרייק צעוויקלט זיך אין רייען?

אומרואיקע יאָרן

האָט אַ ביקס מיט טויט צעעפנט שוואַרצע מויל,
און געבראַכט אים קאַלטע רו האָט שונא׳ס קויל:
אויף די ליפּן, אויף די בלויע, הארט און ביטער,
איינגעפלאָנטערט האָט אין שמייכלען זיך אַ ציטער . . .

שעפּטשען ליפּן נאָמען ליבן פון דער ווייב —
און אַ רויטער שנירל ציט זיך פון זיין לייב . . .

. . . .

האָט געשריי די גאַס אויף שטיק צעריסן.
ס׳איז אַרוים אַ ווייב דעם טויט באַגריסן.
האָט דאָס ווייב מיט טויט זיך שטום צעקושט;
פּאַסמעס האָר, ווי רויטע זונען־שטראַלן,
זיינען אויף אַ טויטן קאָפּ געפאַלן,
און זיך מיט בלוט פאַרגליווערטן צעמישט . . .

די „ברעד ליין"

(פּאָעמע)

1

וואָס זשע שטייט איר, יונגען אימפּעטיקע, הייסע,
אין שורות גלייכע, לאַנגע פול געפּאַקט—
ווען ס'טוט אַ קעלט די לייבער אייך צעטרייסלען,
און בייזער הונגער גרוילט אין אייך און וואַקסט? . . .

אַזעלכע שטאַרקע יונגען צו ווענט זיך צוגעשפּאַרט,
און קעפּ אויף קעפּ אין טרויערקייט זיך באָדן:
אין יעדערן פון אייך דאָך שלאָגט אַ האַרץ,
וואָס איז מיט כעס, מיט גיפט און ביטערקייט געלאָדן.

שטייט איר, יונגען שטאַרקע, אימפּעטיקע, הייסע,
און וואַרט מיט אויסגעשטרעקטער האַנט אויף בעטל־ברויט;
און איבער אייך אַ מאָרגן וויגט זיך אַזאַ בייזער, —
וויגט זיך אַזאַ בייזער, אָן אַ ביסל פרייד.

עס איז דאָך ניט קיין הונגער־יאָר דאָס יאָר פון ניינצן דרייסיק!
עס האָט דאָך מילד איר פרוכט געשענקט די מאַמע ערד;
און איר האָט דאָך געאַרבעט טריי און פלייסיק, —
פאַרוואָס זשע איז אייך הונגער היינט באַשערט?

האָט איר דען ניט מיט שווייס, מיט בלוט מיט וואָרעמס,
די ערד באַטרונקען און באַרעגנט?
האָט ניט מיט רוקנס אָנגעלאָדענע, ווי קעמלען,
די נאַכט מיט אויסגעצערטן מאַטער אייך באַגעגנט? . . .

וואָס זשע שטייט איר, יונגען, אַזעלכע געלע, גרינע,
מיט מויל פאַרברענט פון הונגער און פאַרטריקנט?
ווער האָט אויסגעטרונקען פון די אויגן אייך די שנאה?
ווער האָט אויסגעזויגן אייך די קללה פון די ליפּן?

2

פאַרהויבן זיך שפּייכלער ווי בערג אין אַן עלנטער וויסטע,
מיט פענצטער פאַרגראַטעט — אַ סוד אַ געהיימער.
פול תבואות געטורעמט אין הויכן פאַרשפּיצטע,
געהיט פון געדונגענעם שונא'שן שומר.

ליגט אייער פּראַצע און פוילט דאָרט פאַרקייקלט,
ליגט אייער עסן פאַרקניפּט און פאַרבונדן;
און איר, מיט אַ הונגער ווי באַרגישער הויקער,
טראָגט אימפּאָטעניק איבער גאַסן באַזונדער . . .

ווען נאַכטיקער אָטעם — אַ בייסיקער שאַרף —
צעוועקט אייך אין הערצער בונטאַרישע ברויזן,
טראָגט איר אַוועק אייער מורד'ישע קראַפט
איבער הונדערטער גאַסן, איבער נאָרעס אַ טויזנט . . .

יצחק אפרת

ווען נאַכטיקע שעה'ן פאַרגייען אין שפּעטן,
און הייזער פאַרציען אַ בלינדקייט אויף שויבן, —
שאַרט איר זיך שטילע ביי ווענט — וואו מען זעט ניט —
עפּעס וואָס גנב'ענען, עפּעס וואָס רויבן.

וואַרפט מען אַריין אייך אין תּפיסות אין בלינדע;
ברעכט מען מיט קלעפּ אייער לעצטע עקשנות.
ווערט איר פאַרמאַטערט און שוואַך, ווי די קינדער,
וואָס קענען נאָר בעטן און קענען ניט מאָנען . . .

דאָרט זיצן אויך יונגען מיט גלי און מיט מאַרך,
יונגען, וואָס טראָגן אַ וואָרט אַ געפּליגלטס.
פאַר בייסיקן אמת, פאַר שטיין אויף דער וואַך, —
זיי ווערן געשלאָסן מיט אייזערנעם ריגל.

לערנען אייך יונגען, וואָס איז פאַר אייך גוט —
מיט ווערטער מיט מילדע — געלייטערטער שכל.
נאָר איר נאָך פאַר'סמ'טע פון שקלאַפישן בלוט,
קערט זיך אַוועק מיט דערשראָקענעם שמייכל . . .

ווען טורמע שפּייט אויס אייך באַליידיקט, פאַרשעמט,
טרעפט מען אייך ווידער, אין פאַרטאָגן אין וויסטע,
שטום און דערשראָקן, ווי הינט אין דער פרעמד,
זיך ראָיען נאָך ברעקלעך אין גיפטיקע מיסטן . . .

טרעפט מען אייך אָן — אָן פּראָטעסט, אָן געשריי;
טרעפט מען אייך ווידער — אָן מוט און אָן פרייד,
צעשטעלטע אין שונא'ס געלעסטערטער ריי,
מיט מאַזאָליעטע הענט נאָך געבעטלטן ברויט.

איר טראַכט זיך: אַזוי איז מסתמא באַשערט;
אַזוי איז געשטעלט שוין פון לאַנג — לאַנגע צייטן!
וועל איך אייך דערציילן וואָס איך האָב געהערט
פון אַ לאַנד, וואָס באַנייט זיך, און אַ לאַנד אַ באַפרייטן . . .

3

איבער ים'ען און בערג, אין אַ לאַנד אין אַ גרויסן,
געלעבט האָט אַ פאָלק דאָרט אין טונקעלע ווייען.
געהערשט איבער פאָלק האָט אי בלוטיקער קייסער,
אי גרויזאַמער פריץ, מיט ווילדע לאַקייען.

זיי האָבן פאַרנומען מיט אייזערנער האַנט
טייכן און וועלדער און פרוכטבאַרן לאַנד,
און באַנען, פאַבריקן, און הייזער און שטעט, —
ווי ענדלאָזער אָפּגרונט — אַ גיריקע קעל.

דאָס פאָלק האָט געליטן, נאָר גאָרניט גערעדט;
ווייל אַזוי איז געווען דעם קייסערס באַפעל.
האָבן קייסער און פריץ, ווי חיות געלויערט,
אויף אַרבעטערס פראַצע, אויף שוויים פונם פויער.

דער פֿויער פּלעגט זייען און די ערד האָט געטרייסט
מיט צייטיקע תּבֿואות, ווי קופּער ווי ברוינער;
נאָר איידער דו זעסט נאָך און איידער דו ווייסט —
עס שרייט שוין דער פּריץ: „אַהער גיב מיין לוין מיר!"

איז פֿויער געבליבן מיט ליידיקע הויפֿן,
ווי נאָך אַ פֿאַרשייטער, צעפֿלאַקערטער שׂרפֿה.
איז יוגנט אַנטלאָפֿן פֿון היימישער וויג, —
האָט יוגנט געלאָזט זיך אויף וואָגל און וואַנדער.

זוכן זיין ברויט, אינם רויש פֿון פֿאַבריק;
זוכן זיין היים איבער שטאָטישע ראַנדן.
האָט קאַפּיטאַל שוין געוואַרט דאָרט מיט געטלעכן „פּאָפּ"
פֿאַר קליינע פֿאַרדינסטן, פֿאַר מינדעסטער גאָב . . .

4

אַזוי זיינען יאָרן פֿאַרגאַנגען אין פּיין און אין טונקל;
אַזוי האָט אַ פֿאָלק זיך געמאַטערט אין בראַנד און אין שׂרפֿה.
נאָר ווען ס'זיינען שוין טרוימען אינגאַנצן געוואָרן פֿאַרטרונקען,
און ס'זיינען פֿאַרלאָפֿן אין ציטער די לעצטע צעבויטעטע רייפֿן, —
האָבן בונטאַרישע זוימען, ווי ווערים צעפּרעסן דעם צווייפֿל,
און מורד'ישע קראַפֿט האָט צעריסן פֿאַרשלאָפֿענע גרונטן.

5

שווינדן טעג, לויפן וואָכן, יאָרן ברענען, —
ביז געבראַכט האָט אונז אַ טרייסט־וואָרט חבר לענין:

— „זאָל צעשפּילן זיך די וועלט אין רויטע פלאַקערן!
דעם באַלאַנגען זאָל די ערד — ווער ס'פאַראַקערט איר!"

נאָך געזאָגט האָט חבר לענין: „איר זייט קראַפטע!
דעם באַלאַנגען זאָל די וועלט — ווער עס שאַפט!"

„איר זייט פיל — אין די מיליאָנען — שטאַרק און מונטער! —
ליגט פאַר אייך אַ וועלט צעעפנט אַ באַזונטע!"

האָט צעשטעלט זיי חבר לענין אין בריגאַדעס —
ביז געקומען איז דער פרייליכסטער אָקטיאַבער.

איז געשטאַנען חבר לענין אויף דער וואַך, —
ביז געוואונען איז געוואָרן לעצטע שלאַכט.

האָט איבער ימ'ען, איבער בערג, איבער וועגן ווייטע,
זיך דורך קאַמף באַפרייט אַ פאָלק — רויטע און פאַרשייטע.

איז מיט הייסן בלוט פֿאַרגאָסן יעדער שפּאַן.
ניט געשראָקן, ניט געציטערט האָט די ביקס אין האַנט.

האָט געזונגען, האָט געבליצט שאַרפֿע שווערד,
ביז באַפֿרייט עס איז געוואָרן שוואַרצע ערד.

ווילן מער ניט פֿרייע יאַטן, ווילן מער ניט רויטע יונגען,
מיט אַ הונגער מיט אַ בייזן, מיט אַ וויסטן עלנט אומגיין.

איז די אַרבעט דאָרט אויף פֿעלדער אַזא פֿריילעכע און שאַרפֿע,
איז אַן אייגענעם סנאָפּ קאָרן אַזוי לייכט אין הויך פֿאַרוואַרפֿן.

פֿאַר אַן אייגענעם סנאָפּ קאָרן גלייכט זיך אויס אַ פֿעסטע פּלייצע;
איז די אַרבעט דאָרט אויף פֿעלדער אַזאַ פֿריילעכע און הייסע.

זינגט אַ פֿרייד דאָרט אין פֿאַבריקן, ביי טראַקטאָרן און מאַשינען,
בלאָנדזשעט מער ניט אום קיין הונגער, גייט די נויט ניט אום
אָן זינען.

טראָגט זיך לעבן הייסער; לעבן יאָגט זיך און עס בריט.
הילכן אָפּ אויף אַלע וועגן יונג־דערוואַכטע טריט . . .

6

עס זיינען גייסטער ליכטיקע געווען אויף אונזער ערד.
מען וועט פאַר דורות־לאַנג פאַרצייכענען די נעמען.
נאָר קיינעם ניט געווען איז דאָס אַזוי באַשערט,
וואָס ס'איז באַשערט געווען וולאַדימיר לענין.

בלענדיק איז די זון און ליכטיק די באַגערן;
האָט לענינס פרייער שפּריט פאַרפּלייצט די האָריזאָנטן.
וואָס וואָלט פון אונז געווען — וואָס וואָלט פון אונז דען ווערן,
ווען ער וואָלט ניט געווען צו אונז אַזאַ באַקאַנטער?

פון קינדווייז אָן, מיט סטיכישער עקשנות,
באַגלייט האָט אים צום קאַמף אַ יונגער מוט;
פלעגט ער מיט קאַלט געווער, פלעגט ער מיט פייער מאָנען,
פאַר אונזער שטילן צער, פאַר אונזער טראָפּן בלוט.

האָט זיך זיין וואָרט געשפּרייט מיט שנעלקייט פון געוויטער,
און זעצט זיך אָפּ אויף גרונט פון שפּעדישע שטויבן;
און ווען עס האָט עס איז אַ הייסע און צעגליטע, —
האָט מונטער־פרייַלעכן פאַר ערשטן קאַמף געקליבן . . .

יצחק אפרת

דעם רויטן דזשאָנס פאַרמעגן

(באַלאַדע)

לעבט דזשאָן דער רויטער דורך איצט שווערע טעג:
זיין מאַמע איז אים פלוצלונג קראַנק געוואָרן —
איז ער געבליבן היטער פון פאַרמעג,
ווי ס'היט די שפּעטע גאַס — דער נאַכטיקער לאַמטערן.

און וואָס זשע טוט באַשטיין דזשאָנס פאַרמעגן,
וואָס איז אויף מזל זיינעם אויסגעפאַלן היטן?
אַ האַמער, אַ האַק, צוויי זעגן —
און קינדער דריי, פון הונגער אויסגעטריקנט.

דזשאָנס טאַטע האָט געאַרבעט מיט האַמער, האַק און זעגן.
געווען איז ער אַ סטאָליער פון די בעסטע;
איז אָנגעלאָפן טויט צו אים אַנטקעגן, —
דאַרף דזשאָן באַזאָרגן איצט אַ ברודער מיט צוויי שוועסטער.

לויפן קינדער אום און שטיפן אין די גאַסן.
וואָלט דזשאָן געוואָלט מיט זיי זיך איצטער יאָגן;
דאַרף ער אָבער ציַיטונגען מיט לעצטע נייעסן,
איבער גאַסן, איבער גאָרנס הויכע טראָגן.

אומרואיקע יאָרן

דזשאָן איז יונג, לעבן זיינער איז נאָך פרישע זייטלעך . . .
פּאַטשט אַ יונגער פויגל אומרואיק מיט פליגל;
הערט דזשאָן זיך צו, ווי ערגעץ ווייטלעך . . . ווייטלעך . . .
פליסט אַ נעגערשער, אַן אומעטיקער ניגון.

וואָלט דזשאָן געוואָלט שוין זיין אי שטאַרק, אי גרויס;
שוין זיין ביי סטאָליערישער אַרבעט, ביי דער האַרטער:
ס'איז שווער די מי, נאָר ס'מאַכט ניט אויס, —
נאָך טעג, נאָך מאָרגנדיקע גאַרט ער.

ער וויל, ווי טאַטע זיינער, ברענגען מילך און ברויט,
און מאַמע זאָל נאָר אַכטונג געבן אויף די קינדער.
ווי זשע קען ער דאָס? — אַליין נאָך יונגערהייט —
אַ נישט קיין אויסגעלערנטער, אַ בלינדער . . .

דזשאָן געדענקט, ווען טאַטע האָט געלעבט,
פלעגט מאַמע — אַזאַ ליכטיקע און דינע, —
שפּילן דורך די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט
אויף דער פריילעכער און אַלטער מאַנדאָלינע.

פלעגט דזשאָן אַרויפקריכן צום טאַטן אויף די קני,
די קינדער קלענערע — זיי זיינען שוין געשלאָפן.
איז מאַמעס פּנים אין אַ פרייד אַזאַ געווען צעגליט,
וואָס ער האָט נאָך אַזוינס אין ערגעץ ניט געטראָפן.

פלעגט טאַטע אין דער שטיל נאָכזינגען דעם ניגון,
אַרויפלייגן דעם קאָפּ אויף מאַמעס אַקסל;
פלעגט מאַמע זיי אין שטילקייט שטיל פאַרוויגן,
ביז יונגע נאַכט אין שפּעטע שעה'ן איז פאַרוואקסן.

אַרום אַ נייעם הויז איז „סקעפּאלד" שוואַך געהאנגען.
— וויל שטענדיק באַלעבאָס פון עפּעס געלט פאַרשפּאָרן —
האָט טויט זיין טאַטן אומגעריכט געפאַנגען
און פאַרשניטן זיינע יונגע, זיינע בעסטע יאָרן.

ליגט טאַטע ערגעץ וואו אויף אַ בית־עולמ'ל,
פון צייט פאַרגעסן און פאַרשווענקט;
נאָר מאַמע קוקט אויף טאַטנס צלמ'ל,
קוקט אויף טאַטנס צלמ'ל און וויינט . . .

6

אַ קורצע וואָך—און שטוב ביי אונז איז ליידיק.
האָט עלנט זיך אין יעדן ווינקעלע פאַרדרייט;
גייט מאַמע אום מיט אַזאַ שאַרפן ווייטיק,
ווייל גאָרניט איז געבליבן נאָכן טאַטנס טויט.

איז פריער טאַטנס זייגער מיט דער קייט אַוועק,
דערנאָך דער מאַמעס אויריינגלעך און רינגען;
שפּעטער האָבן הונגעריקע, קאַלטע טעג
צוגענומען אויך די אַלטע מאַנדאָלינע.

האָט געפעלט אין הויז דאָס ברויט דאָס קאָרענע, —
פלעגט די מאַמע אונז פאַרלאָזן אינדערפרי;
גאַנצע טעג ביי וואַשן פלעגט זי האָרעווען, —
פלעגט זי פאַלן אויף דער נאַכט שוין פון די פיס.

איז שווער געווען איר וואַשן טזיזנט שטיגן, —
איז שווער געווען פון קנעכטשאַפט איר דער עול;
איז זי איינמאָל אַ פאַר'חלש'טע אַזוי געבליבן ליגן, —
האָט מען זי פאַרנומען אין שפיטאָל . . .

איז דזשאָן אַוועק זיך זען מיט קראַנקער מאַמען.
איז מאַמע אים אין „וואָרד" — פון אַלעמען אַ שענערע —
ליגט מאַמעס האַנט אויף רויטן קאָפ ביי דזשאָנען:
— „גיב אַכטונג אויף די קינדער, אויף די קלענערע!"

— — — — — — — —

לעבט דזשאָן דער רויטער דורך איצט שווערע טעג.
זיין מאַמע איז אים פלוצלונג קראַנק געוואָרן.
מוז ער אָפהיטן אָט־דעם פאַרמעג,
וואָס איז אים פון זיין מאַמען אָנגעטרויט געוואָרן . . .

יצחק אפרת

אין גרויז לאַנד

(פּאָעמע)

עס רוישט און עס קאָכט און עס וויגט זיך מיט רוגזה פּאָטאָמאַק,
און קלאַפּט זיך מיט גע́לע, מיט ליימיקע כוואַליעס אין גרויען
גראַניט.
ווערן כוואַליעס צעשפּאָלטן, צעשאָטן אין שטויביקן שפּריי,
און לויפֿן צוריק מיט געוואָי און געקרעכץ, ווי געשלאָגענע הינט.

ברענגט אויף זיין רוקן פּאָטאָמאַק געלאָדענע שיפֿן פֿון דרום.
שיפֿן געלאָדן מיט ברויטן און פֿרוכטן אַ סך.
אין האַפֿן זיי לאָזן אַרונטער שווער־וואָגיקע אַנקערס און רוען,
ווי פֿאַרמאַטערטע פֿויגל, אויף שפּיצן פֿון ביימער פֿאַרנאַכט.

און ווען איינע אַ שיף מיט אַ בויך מיט אַ פֿולן, ווי אַ שוואַנ־
גערער פֿיש,
האָט צעעפֿנט פֿון דעק אירע טירן, ווי פֿליגלען פֿון דרייסטן
אַלבאַטראָס, —
און פֿאַרוואָרפֿן אַ בריק;
און מיט שטאַנגען און קלאַמערס און אייזערנע שטריק,
באַהעפֿט זיך צום שטיינערנעם האַפֿן, —
האָבן, ווי אויגן, ווי גע́לע, געפֿינטלט נאָך גאַסן לאַמטערן.

עס האָבן נאָך שטערן
באַגלייט די לבנה אין סאַמעט אין גרויען פון וואָלקנס.
נאָר ס'האָט אומרו געטריפט שוין פון מענטשן, אין רייען צע־
וויגטע;
און אין קנייטשן פון שטערנס,
אין שניטן אין קרומע פון פּנימ'ער האַרבע, —
פאַרקריצט איז געווען באַגערן:
פּילייכט וועט מען דאַרפן, פּילייכט וועט מען קריגן דאָ אַרבעט.

און אַרויס אויפן דעק איז אַ מענטש,
געקוקט אויף דער מענגע מיט ביטול . . .
מיט שפּיי איבער ווייסן פאַרענטש,
געזוכט מיט די אויגן, גענישטערט:
די גרויסע,
די יונגע,
די שטאַרקע.
און מיט שאָקל פון קאָפּ, — ווי צו טויבע, —
געשיקט אינם בויך פון דער שיף;
אין פינצטערן גלאַנץ פונם קויל־שטויב.

האָבן מענטשן געטראָגן אויף פּלייצעס,
געבויגן אין דרייען, אויף ברעטער געלייגטע אין בלאָטעס, —
קאַסטנס מיט קאַרשן און טרויבן און זעקלעך מיט ווייצן,
צו גרויסע, שווער־וואָגיקע אויטאָס.

יצחק אפרת

ערשט שפּעט אויפן טאָג, ווען זון
האָט פאַרקרייזט שוין דעם קיילעך דריי־פערטל אַרום,
האָבן דינסטן צעטראָגן אין מירמל־פּאַלאַצן,
מיט טריטלעך מיט שטילע, אויף גלאַנץ פון פּאַרקעטן, —
אין קרישטאָלענע גלעזער, אויף זילבערנע טאַצן, —
פרוכטיקע זאַפטן צו ברייטע, צעכראסטעטע בעטן.

האָבן פון פּוכיקע קישנס געהויבן זיך מידע, פאַרשיכורטע קעפּ,
און מיט ציטער אין פינגער דערטראָגן צו מיילער פאַרקרימט,—
רייפקייט פון טוי, און פון זון און פון ווינט.

ווען ס׳האָט זון אַ צעפלאַמטע, צו גרונטן גענומען זיך קערן,
איז ליידיק געוואָרן די שיף, ווי אַ בויך אָן געדערים.

און שפּעט פאַרנאַכט שוין, ווען ס׳האָט זיך צעטופּעט
מיט אייזן די נאַכטיקע באַן;
האָבן פרויען, אין גרויקייט פון אַלטע כאַלופּעס,
געוואַרט אויף פאַרדינער — דעם מאַן.

ס׳האָבן קינדערשע הערצער אין אומרו געצאַפּלט:
— וואָס וועט אונז ברענגען היינט עפּעס דער טאַטע?

און איינער אַ מאַן האָט געשניטן זיך העכער פון אַלע מיט קאָפּ
און מיט אַקסל.
האָט שטראַל זיך אַ לעצטער אין קאָפּ פונם ריז, ווי צעשמאָל־
צענער קופּער צעוואקסן.
האָבן עטלעכע זילבער־מטבעות, צוגלייך מיט זיין טראָט
אויפן האַרטן און שטיינערנעם ברוק, זיך צעקלונגען:
דאָס האָט זיך דאָס בלוט — טראָפּנס בלוט פון צעשניטענע
פינגער — צעזונגען.
און געטראַכט האָט דער מענטש, געטראַכט און געלאַכט:
— „כ'האָב פאַר אויסלאָדן שיפן, פון פרי ביז ביינאַכט,
ניט קיין קאַרשן און טרויבן פאַר וייב און פאַר קינדער, —
נאָר עטלעכע זילבער־מטבעות פאַר אָרעמען מאַלצייט גע־
בראַכט . . .״

יצחק אפרת

בלוט

(אויף מ. אַלגינס קבר)

אין הימל עס וואַרעמט אַ זון, נאָר אין בלוט מיר עס שווידערט
גערויטער:
מיין ליכטיקער שטאָלץ איז פאַרנעפּלט אין טונקעלע ווייען.
קאַלט איז מיין האַרץ, נאָר די אויגן פון טרערן צעגליטע,
זעען שוין וועגן די קלאָרע, אויף וועלכע צו גיין.

בייזע נאָך זיינען די ערשטע, די שטעכיקע וואונדן.
פליסיקער גרין פונם פייער טראָגט ניט קיין רויך.
שטיל, מיינע ליפּן; זאָל מיין צונג זיין מיט שטומקייט פאַרבונדן,
ווייל שווייגן אין טרויער — מיינט ווייגען אַ בלוטיק, אַ הויך...

אויף שפּיציקע שאַרפן, שנייד העלער זיך, גאָלדיקע שיין.
אויף פעלדער פאַרבלוטיקט, צעוואַקסן זיך בעסער נאָך זוימען;
וועט ביטערער ווי פון דיין פינגער־פּריען פאַרגיין —
זיין גאָב אַ געבענטשטע פאַר אויפלעב פון ליכטיקע טרוימען.

די האַסט אונז געלערנט — איז קענסטו געטרויען;
ס'וועט ניט זשאַווערן שווערד אין פינצטערער שייד!
דעריבער איז טיפער און גינסטיקער טרויער,
געמישט אויך מיט לויטערער פרייד . . .

הימלאָזע

ס׳האָט זיך אומעט פאַרשניטן אין פינצטערע, נאַכטיקע שטילן,
געוואָיעט אין עלנטע הערצער, ווי אַ שוואַנגערע צויג אין גע־
ווייען;
האָבן הימלאָזע מענטשן געשלעפּט זיך אָן פרייד און אָן צילן
איבער פאַרלאָזענע שטאָטישע גאַסן און פאַרקישע וויסטע אַלייען.

צעשפּרייט זיך אין פינצטערע ווינקלען, צעריסן, ווי פוילע געוועב.
ס׳האָט דער פראָסט נאָר אויף ווינטן, מיט אומרו געטאָן זיך
צעוויגן.
האָבן ערגעץ פון הערצער קללות געטאָן זיך אַ שעפּ;
געטאָן זיך מיט ביטער אַ שעפּ — און געוואָרן פאַרשוויגן.

ווייל ס׳האָט קאַלטע, גזלנ׳ישע נאַכט מיט פראָסט און מיט
פיבער געמאַטערט;
האָבן הוסטן צעקלונגען זיך שאַרף, צווישן אַלטע און קויטיקע
שמאַטעס.

יצחק אפרת

אין ווייטסטן, אין עלנטסטן ווינקל,
אונטער בוים, פאַרדרייט ווי אַ רייף,
ליגט דאָרט פאַרוואָרפן אַ אינגל, —
מיט האַמערס, מיט הייסע אין שלייף.

אים דוכט זיך: ער איז אין אַ הייזל.
עס שמעקט דאָרט מיט וואַרעמען ברויט;
זיין מאַמע, מיט קאָפּ אַ געקרייזלטן,
פאַרפולט איז מיט ליבשאַפט און פרייד.

פאַרטאָג איז בלוי און ריין.
עס שטייט אַ בוים פאַרקילט אין טיפן שווייגן;
נאָר ערשטע שטראַלן ברעקלען זיך אין שניי
פון זיינע ציטערדיקע, איינגעדאַרטע צווייגן.

און ס'זיפּט די זון דורך צווייגן אויס איר שיין
אויף בלינדע אויגן, אין גליווערן פאַרשטאַרט;
און טראָפּנס הייסע, שוימענדיקער וויין,
פאַלט אויף אָפּענעם און איינגעשטילטן האַרץ . . .

אויפקום־צייט

(ה. לייוויקן)

אין טאָג פון פיינלעכן און גליווערדיקן טרויער,
צאַפּלט זיך אין מיר אַ זינגענדיקע פרייד,
ווי לידער זוניקע פון אַקערדיקן פויער;
ווי קינדערשער געלעכטער אין גאַסן אויסגעשפּרייט.

אין אומעטיקע טעג, ווי קוואַלן וואַסער,
קוועלט אין מיר אַ רוישנדיקע פרייד,
ווי פויערישער לייב,—אַ שווייסיקער און נאַסער, —
גאַרט צום גיכן אויפקום פון פאַרזייטן ברויט.

אין שטילע טעג פון בענקשאַפט און פאַרלאַנגען,
צייטיק איז מיין אויסגע׳חלומ׳ט ליד,
ווי פעלדער האַרבסטיקע,—באַלאָדענע מיט זאַנגען,—
אומגעדולדיק וואַרטן אויפן שניט . . .

2

כ׳וועל אַ געפייניקטער אַרויס נאָך גרעסער און נאָך שטאַרקער,
ווי יונגער טאָג וואַקסט אויס אין מאָרגן־שטראַלן;
ווי אין אימפּעט דער געקלאַנג פון וואַסער־פאַלן, —
כ׳וועל אַ געפייניקטער אַרויס נאָך גרעסער און נאָך שטאַרקער.

יצחק אפרת

כ'וועל אויסשפּרייטן מיין מאַכט אויף גאָר דער וועלט,
ווי טוי געבענטשטער זעטיקט אָן די ערד.
געקומען איז די שעה, ווען ס'איז מיר באַשערט,
אויסשפּרייטן מיין מאַכט אויף גאָר דער וועלט.

וועט מיין טאָג אין שעה'ן שווערער אַרבעט מערער ניט פאַרגיין;
וועט מיין נאַכט אין רו ניט ווערן מער פאַרבלענדט.
שוימט אַ זאַטע שפע איבער אַלע הענט, —
וועט מיין טאָג אין שעה'ן שווערער אַרבעט מערער ניט פאַרגיין...

איינמאָל אין האַרבסט

זיצן מיר שטילע, פאַרלאָזטע, אויף בענקלעך אין פּאַרק.
שאָקלען זיך בוימער און קלאָגן נאָך וואַרעמע טעג.
ווייסן ניט יונגען, וואו זאָל מען היינט שלאָפן די נאַכט;
ווילט זיך דערוואַרעמען הענט אין שכור'ער פרייד פון געשלעג...

דרייען אין עלנט זיך בלעטער, פאַרלאָזן פון זאַפטיקן גרין.
בליצן אויף אויגן פון הונגער געשאַרפטע, ווי שטאָלענע מעסערס:
ווער וועט באַזאָרגן מיט אַרבעט און נוצלעכער מי?
ווער וועט פאַרגרייטן מיט היים און מיט וואַרעמען עסן?

טראָגט אַ געוויין זיך אין אומרו פון ווינטיקן האַרבסט.
פאַרשניטן האָט זון אויף די ליפּן אַ בלוטיקן שמייכל.
וואַקסט צאָרן פאַרשייטער און היים, אין מוטיקן האַרץ,
ווי עס וואַקסן אַרויס פון וואולקאַנען אי פייער, אי רויכן...

טראָגט זיך פאַרביסענער ווינט, ווי בערן ווי ווייסע אין שניי;
ווייסן שוין יונגען — וואָס טוט מען מיט הייסן, מיט ווילדן
פאַרנעם.
ווייל וואָס איז דען ציטער פאַר מענטשן אַזעלכע ווי זיי?
ווייל וואָס איז דען הפקר פאַר מענטשן אין האַרבסט, אָן אַ חיים?

ווען פֿאַרנאַכט האָט מיט קאַלט און מיט קופּער צעפֿלאַמט האָ־
ריזאָנט,
און שטאָטישע גרוים האָט געהילט זיך אין טונקעלן שאָטן;
האָט עפּעס פֿאַר׳עקשנ׳ט און ביטער אין הערצער געמאָנט —
האָבן יונגען מיט גבֿורה אויף שטאָטישע האַרטן געטראָטן . . .

האָבן טעג זיך און נעכט דאָן פֿאַרוואַלגערט אין חיה׳שן ברומען.
האָט שלאַכט זיך צעוויגט ווי אַ ים אויף דער גאַנצענער געגענט.
האָט בלוט זיך געשלענגלט אויף זייטיקע געסלעך, אויף קרומע.
האָט בלוט זיך צעגאָסן אויף ברייטע, געפּלאַסטערטע וועגן.

אַזוי איז אַ ווינטער, אַ זומער פֿאַרלאָפֿן אין שלאַכטישן פּלאָנטער.
נאָר ווען האַרבסט האָט זיך ווידער פֿאַרצויגן מיט קעלט אויף
אַ טונקעלער נאַכט,
האָט אין מוטיקע הערצער געזונגען אַ פֿרייִלעכער יום־טובֿ,
און מער ניט געבענקט האָבן יונגען נאָך אייגענעם דאַך.

. . . .

איז איצטער פֿאַרגרייט שוין פֿאַר אַלע אי גוטע, אי נוצלעכע מי,
און אַרבעט צעזינגט זיך דורך פֿינגער אַזוי הויך, אַזוי שווימיק:
פֿאַר אַקערן, זייען, און מעלקען געפֿאַשעטע קי,
פֿאַר טורעמס צעוויגטע, ווי גלעקער אין בלווילעכע רוימען . . .

רייף איז שוין די צייט

רייף איז שוין די צייט פאַר שוימיקע באַגערן,
ווי רייף עס איז דאָס פעלד אין שפּעטן האַרבסט.
כ'וועל מיין געדולד, דעם אייזערנעם, באַשווערן,
און דאָס ברויזנדיקע בלוט פון האַרץ . . .

איז פאַר מיר מיט דיר צו ענג די ערד, —
שאַל איך אויס מיין רוף צו יונגען פון דער ווייט;
ציען פינגער קרעפּטיקע צו שווערד, —
האַרץ פאַרשטיינערט — ווערט יונג און ווערט פאַרשייט . . .

איז גענוג פאַר אונז, ווי קינדערלעך, צו וויינען!
זאָל זיך אויג צעשפּילן מיט אַ בייזן פינקל;
זאָלן אָנגיסן זיך פויסטן ווי די שטיינער,
און צעלאָזן זיך באַפרייטע ווי די ווינטן!

ס'האָט אויף דיר שוין צייט געלייגט די לעצטע חתימה —
אויפגעקנוילט און אויפגעריסן איז דער פּלאָנטער;
וועט אַזוי צערויטן זיך אין פריידן אַ מדינה;
וועט אַזוי צעשפּילן זיך, צעוויגן זיך אַ יום־טוב! . . .

דער ערשטער סטרייק

(באַלאַדע)

דאָס דערציילן די אַלטע, די זיידעס, די גרויע,
דאָס געדענקען די זילבערנע קעפּ:
אַזוי געדענקען די פייגל ווי נעסטן צו בויען, —
און אין האַרבסטן — צו דרום דעם וועג.

— — — — — —

די פאַבריק האָט באַלאַנגט צו אַ שינדער,
אַ הענדלער מיט מענטשלעך לייב.
האָבן זיינע מענטשן געאַרבעט ווי רינדער:
דער מאַן, דאָס קינד און דאָס ווייב.

ניט קיין מענטשן מיט אייגענעם לעבן;
קנעכט — וואָס פאַרמאָגן נאָר הענט.
איז געוואַקסן ביי אים דאָס פאַרמעגן,
געוואַקסן פּראָצענט אויף פּראָצענט.

פון אָרעמע, שמוציקע ווינקלען,
וואו הונגער אין לייבער עס ברענט;
פון דאָרט האָט זיין מזל געפינקלט,
פון דאָרט ט׳ער גענומען די הענט.

קוקט שינדער אויף הונגער צעפּלאַמטטן;
זיין צונג טוט מיט האָניק אַ שמיר:
— „איר זייט אַלע מיר גוטע באַקאַנטע,
ס'איז אַרבעט גענוג דאָ ביי מיר."

האָט מען געאַרבעט פון פריען באַגינען,
מיט הענט און מיט האַרץ און מיט לונגען;
פלעגט אין רויש פון צערייצטע מאַשינען,
שווייסן פון פּנים'ער רינען.

ביז ווייט נאָכן לאַנגזאַמען זון־גאַנג,
לויפן מאַשינען ווי וויכערס.
האָט אַרבעט די פינגער געברענט;
נאָר מאַשינען זיי לויפן פיל גיכער,
ווי ס'לויפן מענטשלעכע הענט.

• • • • • • •

האָט געשריי דעם טעמפּן רויש צעריסן:
„ס'האָט אַ מאַשין אַ האַנט ביי איינעם אָפּגעריסן!"
גייט אויס אַ מענטש אין אַנגסטן און אין ווייי.
האָבן אַרבעטער דאָס אָנגעקוקט מיט שרעק,
ווי אַ מענטש גייט פאַר דער צייט אַוועק —
אַוועק מיט פּיינלעכן געשריי.

דער אַמבולאַנס קלינגט,
דער אַמבולאַנס יאָגט.
אַ יונגע אלמנה —
נאָך מאַן אירן קלאָגט.

ווי אַ בין אַ פלייסיקע,
האָט שינדער זיך צעזשומעט;
האָט פול מויל געגאָסן
האָניקדיקע ווערטער:
— „קיינער איז ניט שולדיק, —
ס'איז פון גאָט געקומען!
טאָ שטעלט זיך צו דער אַרבעט,
צוריק פאַרנעמט די ערטער! . . .״

זיי וואָלטן פאַרגעסן דעם שוידער, —
אַ טויטן פאַרדעקט מען מיט ערד;
ס'וואָלט איינער צום צווייטן געפּלוידערט:
— „ס'איז נעבעך אַזוי אים באַשערט.״
נאָר איינער מיט יונגקייט און מונטער,
האָט דערהויבן זיך העכער פון שרעק;
גערופן צו סטרייק און צו בונטן,
און גלייכגילט דעם טעמפּן געוועקט.

געוועקט צו גערעכטע פאַרלאַנגען,
גערופן צו קאַמפן און האַס;
פון דאָרטן זיך ציט דער געדאַנק נאָך,
צו דעם וואָס מיר רופן איצט — קלאַס.

. . . .

איז קיינער אין שאַפ ניט פאַרבליבן, —
אַרויס מיטן אומרו אין גאַס.
נאָר אויף הערצער האָט ווייטיק פאַרשריבן
אַ ביטערן, העסלעכן האַס.

— — — — — —

פאַרוואַקסן מיט ראָסט און מיט שטויבן:
מאַשינען,
און רעדער,
און שטריק.
און עס האָט זיך אין הויכן געהויבן —
דער קוימען פון טויטער פאַבריק . . .

מלחמה־לידער

אומרואיקע יאָרן

פּאַרטיזאַנען

ער האָט געדענקט: עס איז פאַרדרעמלט
דער ריז פון נעווא ביז צום אַרקטיק ים;
און עפּעס פּאַר אים ווערט מען טויערן פון קרעמל,
ווי אויפגעפּראַלט מען האָט דעם נאַטער־דאַם!

איז וואָס איז פאַר זיי בערג, און וואָס איז פאַר זיי שטראָמען?
זיי איז באַשטימט אַ וועג אויף וואָגל און אויף וואַנדער:
שפּרייט זיך זייער לענג פון מאָסקווע ביז זשיטאָמיר,
ציט זיך זייער טראָט אויף שלאַכטנדיקע ראַנדן.

איז וואָס איז פאַר זיי תליות, און וואָס איז פאַר זיי זיילן?
איז וואָס איז פאַר זיי הונגער, און וואָס איז פאַר זיי ברויט? —
איז אויף ברייטע שטרעקעס, איז אויף לאַנגע מיילן,
טראָגט זיך מיט זיי אומקום: פון פולווער און פון שרויט.

און פינצטער איז זיי מילד, און שוואַרצן זייגען אָפּן,
און שטום איז זייער טראָט און לאָקערדיק דער שפּאַן.
טראָגן זיי אַ טויט — דעם שונא צו באַשטראָפן;
טראָגן זיי אַן אויפרייס — פאַר טאַנק און עראָפּלאַן.

און ווער עס גייט צו־פוס, און ווער עס רייט אויף פערד;
אָנגעזאַפּט מיט פיינטשאַפט, קלאַמערדיק און טיף.
האָבן יונגע קינדער, האָבן גרויע בערד, —
אַ פּחד אין די וועלדער טונקעלע פאַרוויגט.

מיט צווייגן און מיט העק, מיט ביקסן און מיט מינען, —
זייער טויטער אויפשריפט פלאַטערט און באַפעלט:
„מיר, די אַלטע לייט, מיר, די יונגע קינדער, —
אַ גרויזאַמער מאַנדאַט — פאַר פרייהייט אויף דער וועלט . . .

יצחק אפרת

דער הימל שוין בלויט זיך

געווען איז ווי שטענדיק שפּעט־האַרבסט־צייט אַ גרויע:
האַרבסט — דער פאָרלויפער פון ווינטער־געוויטערס.
און אויף וועלטיקן שטח, געשפּרייט האָט זיך טרויער;
פון יאָרן מלחמה פון הונגער און ביטערס.

עס רייסן פון האַרצן זיך ווערטער פאַרשייטע,
אויף כוואַליעס פון ווייטיק, פון אומרו און ברויז.
אויף פריען צוריקקער פון לענדער פון ווייטע,
קוקן די מאַמעס אויף זין דאָרט אַרויס.

מלחמה׳שער וועג פאַרשפּרייט איז מיט נעצן,
מיט פלאַמיקע טויטן עס רעגנט די הויך;
ס׳וועט קיינער איר זון אין קיין הויז ניט פאַרבעטן,
ווען ער האָט דעם שפּאַן שוין דעם לעצטן דערגרייכט.

אויף נאַכטיקער שטילקייט עס שיינט די לבנה.
ס׳האָט פאָרשטעל ביי מאַמען געעפנט אַ טיר:
אין וויכער פון שנייען טוט מאַמע דערקענען
איר זון אַ פאַרשטיינטן אין קאַלטן געפריר . . .

נאָר ס׳בייטן זיך צייטן און ס׳בייטן זיך בלויזן, —
פון ערגעץ מיט שטילקייט צו אונדז זיך דערוויגט:
עס טאָגט שוין אין דרויסן, דער הימל שוין בלויט זיך,
און ליפּן פאָרמירן דאָס וואָרט: „באָלשעוויק!"

א פראָסטיקער הימל. און נאַכט איז פאַרשלאָפן.
נאָר איבער די סטעפּעס די ווייטע — העט־העט,
טוט נאַצישע האָרדעס מיט פייער באַשטראָפן.
די מעכטיקע גבורה פון רויטן סאָוועט.

איז ווי איז צו היטלער און ווי זיינע רייטער,
ס'איז פּחד אין נאַצישע הערצער פאַרזייט:
אויף טויזנטער מיילן זיך בלענדיקט און שייטערט
די שטאַרקע, די גרויזאַמע רויטע אַרמיי.

און אויף קרעמל'שע שפּיצן, אין זון אַן אַנטבלויזטער,
אויף בלוטיקע גרונטן — דער האַמער און סערפּ.
וויגט זיך נאָך העכער פון מאָסקוועשע קלויסטערס,
און זאָגט אָן באַפרייאונג געשענדעטער ערד . . .

דעצעמבער־נאַכט: שניי געפרוירן האָט דעם דרויסן,
הוילע צווייגן ציטערן אין לופט.
וואָס זשע טוט זיך איצטער אַזוי שטויסן
היץ מיט קעלט אין מיין צעררייצטן בלוט?

ניין! ניט פאַר מיר מיין האַרץ טוט קלאַפּן שטייפער,
ניט פאַר מיר אין ווייסן ליכטיקט זיך דער שניי:
עס ווערט איצט אויסגעשמידט אַלץ זיכערער און רייפער
דער גרויסער זיג פון רויטער אַרבעטער־אַרמיי.

ווער איז אויבער־מענטש — אויב אַזעלכע זיינען נאָר פֿאַראַן:
ווען עס טרעפֿן זיך אין שלאַכט דיוויזיע מיט דיוויזיע;
ווען ס'באַגעגענען אין קאַמף זיך מאַן צו מאַן.

לויפֿן פֿון שנייען צעשראָקענע רייטער,
שניי ז'פֿאַר זיי אומקום, שניי ז'פֿאַר זיי טויט.
ברענען אויף שנייען אויך זוניקע שייטערס,
פֿאַר דעם נאָר וואָס וויל, וואָס וואַגט און דערגרייכט.

טראָגן זיך קעלטן פֿון צפֿון פֿון ווייטן,
קומט אָן פֿאַרניכטונג מיט פֿראָסטיקן ווינט;
נאָר די וואָס קאָנען און זיינען פֿאַרשייטע, —
אין סטעפּעס מיט שנייען זיך פֿרילינג צעגרינט.

טריפֿט פֿון זיך גליווער אַ גרינע לבנה,
גרויט שוין דער קאָפּ ביי דעם דייטש פֿאַר דער צייט;
נאָר דער וואָס איז מוטיק, קען איצט שוין דערקאָנען
אין פֿראָסטיקן שוידער — דעם אָנקום פֿון מאַי! . . .

טראָגט זיך פֿאַרצווייפֿלונג מיט קאָפּ אויפֿגעהויבן,
און יאוש עס פֿאַלט אויפֿן האַרצן — אַ שטיין;
נאָר די וועמענס מאָרגן נאָך גאָלדיקט אין שטויבן, —
זיך לערנען פֿון וועלף ווי צו שאַרפֿן די ציין.

. . . .

װעסט אַמאָל דערציילן איז אָוּנטדיקע שעה'ען
צום נייגעריקן באַגער פון דיינע קינדער:
געװען איז דאָס אין קאַלטן שניי אין בלאָען,
געװען איז דאָס אין לויטערדיקסטן װינטער . . .

װעלן אַלע אויסהערן מיט װאונדער,
װי ס'איז אייך געװען אַזוי באַשערט:
אַז אינמיטן צװאַנציקסטן יאָרהונדערט,
זאָלט איר שענקען פרייהייט צו דער ערד . . .

זיכער איז עס טאָגט

צוויי יאָר. און לאַנד סאָוועטישע איז פול מיט בלוט און פּיין,
און טויט און ווייטיק שפּרייט זיך מערער . . . מערער . .
נאָר אויב דאָס וועט דער לעצטער קריג שוין זיין,
איבערטראָגן דאָס ניט אַזוי שווער איז.

פאַר נייע שטעט איז אייזן דאָ און ציגל,
און פאַרן שונא — אָנגעגליטער האַס.
נאָר עס מוז אויף אייביק איצטער זיגן
אויף גאָרער ערד — דער שאַפנדיקער קלאַס:

ווייל ער טראָגט דעם יאָך פון קריג אויף זיינע פּלייצעס,
און ווייל זיין עלטסטער זון און אינגסטער זיינען טויט איצט...

כ'וויל ניט זאָגן, וואָס געווען איז גוט;
פאַרבאָרגן איז פון מענטש די זאַך די קלענסטע.
נאָר זיכער איז — עס טאָגט, און וואָלקנס טריפן בלוט,
און רויטער מאָרגנדיקער הימל קוקט אין פענצטער . . .

. . . .

אומרואיקע יאָרן

צוויי יאָר. און וועלט מיט אָטעם מיט פאַרכאַפּטן שפּירט,
אַז לאַנד סאָוועטישע אין ~~שטאָט~~ איז צעמענטירט.

. . . .

און אויבעט איז דער וועלט שוין גוט באַקאַנט:
עס צאָלט דער פיינט מיט בלוט, און צאָלט אויך מיט אַמאָל;
מיט טויטע נאַצים איז פאַרשפּרייט אַ פראָנט
פון מאָסקווע, סטאַלינגראַד און ביז אָריאָל.

און ס'וועט נאָך שונא צאָלן גאָר אַ סך
פאַר יעדער שטאָט, פאַר יעדער שטוב, פאַר יעדן דאַך.

פאַר'חלש'ט לעשט זיך שוין פאַשיסטיש לעצטער קנויט
אין שוואונג פון מעכטיקן פאַראייניקטן קאָנווייער:
און ס'וועט נאָך נאַצי בענטשן אויסלייזער — דעם טויט, —
מיט לעצטן רים פון צביעות'דיקן שלייער . . .

די חיה

(אַ מעשה)

א. פּעפּערן

1

ריזלט וואַסער אין אַ ברונעם,
אין אַ ריינעם קוואַל אין גרונט;
איז אַ מעשה אָנגעקומען
פון דעם לאַנד פון רויטן בונד.

אין דעם לאַנד פון רויטן בונד
לעבן אַלע ברידער גלייך,
ווי די טראָפּנס פון אַ טייך,
ווי די זאַמדן ביי דעם טייך, —
לעבן אַלע בירגער גלייך.

נישט קיין האַרן, נישט קיין קנעכט:
אַלע האָבן מענטשלעך רעכט.
פריי, ווי זונען־שטראַלן רויט,
לעבט אין לאַנד דאָרט קינד און קייט.

2

פאַלט אַ שטיין אין טיפן ברונעם,—
האָט די טיפקייט נישט קיין גרונט:
איז אַ חיה אויפגעקומען
פון דער טיפעניש אין זומפּ,
פון דעם שליימערדיקן זומפּ . . .

איז די חיה פול מיט כוח.
גלאַנצט אין אויג ביי איר — רוצח,
ווי פון בליץ אַ דונער קראַכט;
ווי עס לעבט די שרעק אין נאַכט, —
לעבט אין האַרץ ביי איר — רוצח . . .

זיינען שליימען איר ניט גוט —
וויל זי מענטשלעך פלייש און בלוט.
זיינען גראָזן איר ניט גוט,
וויל זי קינדערש וואַרעם בלוט.

3

קראַכט אַ בליץ מיט ווילדן ברומען,
וויקלט איין אַ וואַלד אין פלאַמען:
איז די חיה אָנגעקומען
אין דעם לאַנד פון פרייע שטאַמען,
וואו אין שלום לעבן אַלע פריי צוזאַמען.

איז איר וועג פון בלוט אַ רויטער, —
ליגן בערג מיט מענטשן טויטע;
און די ברידערלעך די רויטע
לויפן אויף די וועגן ברייטע.

נאָר די חיה לויפט נאָך גיכער, —
איז קיין מענטש פון איר ניט זיכער.
גיסט זיך מענטשלעך בלוט און פליסט;
ווערט דאָס לאַנד פאַרטיליקט — וויסט.

4

קרייצט דעם הימל רעגנבויגן,
ברענען העלער זונען־שטראַלן;
איז די מעשה אַזש דערפלויגן
ביז דעם מענטש — וואָס רופט זיך סטאַלין.

איז דער סטאַלין — מענטש אַ גרויסער,
מיט אַ האַריץ אַ גליאיק־הייסע.
מיט באַנעם — אַ מענטשלעך ברייטן:
שווער געפינען אים אַ צווייטן!
ס'האָט דעם סטאַלין פרייד געבאָרן:
איז די וועלט באַשענקט געוואָרן, —
ברייטע האַריץ, מיט שכל קלאָרן.

5

נאַכט פאַרגייט. עס בלייכן שטערן.
זון גייט אויף אין רויט און רונד.
סטאַלין רעדט און אַלע הערן:
„אוי! איר זין פון רויטן בונד!
מיר בויען דאָ אַ וועלט אַ נייע:
ווי זשע קען דאָ הערשן חיה?
אויב מען קען ניט לעבן פריי, —
איז גאָר לעבן ניט כדאַי!
איז נעמען ביקסן, נעמען שווערדן,
און פאַרטיליקטע פון ערדן
מוז אויף אייביק זיין די חיה!"

. . . . . .

אומרואיקע יאָרן

שטאָלץ עס פלאַקערט רויטע פאָן,
און די שלאַכט — זי גייט נאָך אָן.
און אַ סך נאָך וועלן געבן
אין דעם קאַמף דאָס אייגן לעבן.
ווייל די חיה האָט פיל כוח,
און אין מאַרך איר לעבט — רוצח.

נאָר ווי זיכער זון גייט אויף,
אַזוי זיכער, — אַז צום סוף
וועט די ברידער דאָרט געלינגען
אָט־די חיה צו באַצווינגען;
ביז די חיה וועט זיין טויט,
און דאָס פאָלק — באַפרייט פון נויט . . .

י צ ח ק א פ ר ת

דער גרוס פון טויט

אויף פליינען עס רוט שוין די נאַכט,
נאָר שפּיץ פון באַרג עס ברענט נאָך אַליץ אין פלאַמען;
כ׳האָב אַ טרויעריקן גרוס געבראַכט
צו טאַטע־מאַמען.

איך גיי אַ דערפרייטער אין שלאַכט,
ווי מען גייט צו די פריילעכסטע מאַרשן;
איך גיי און מיט צאָרן איך טראַכט
פון פאַרפייניקטע אידן אין וואַרשע.

פון באַגינען דעם פייכטן און רויען,
ביז שטערן צעפינקלען זיך צאַרט;
פאַר גרויזאַם־געשענדעטע פרויען —
מיין קויל זוכט אַ נאַצישע האַרץ.

דערפאַר כ׳האָב מיין ביקס זיך פאַרטרויט,
קאַרב אויף איר צייכנס פון טויט;
ווייל שונא, ווי טיגער עס לויערט,
אויף בלוט און אויף מאָרד און אויף רויב.

איז ווייס ניט, מיין האַרץ, פון קיין שרעק,
מיין שנאה עס האָט ניט קיין צאַם;
ווייל איך זע די צעפינקלטע העק
אויף לייבער פון אידישן שטאַם . . .

איז גוט מיר אַמאָל אין פאַרנאַכטן,
ווען פאַרבלוטיקטע זון עס פאַרגייט,
צו זיצן אין ציילן און טראַכטן:
וויפיל נאַצים האָב איך היינט געטויט . . .

אַ וואַרעמער ווינט האָט די זאַמדן געגלעט.
עס האָבן האַרמאַטן מיט פייער געערדט.
איך בין איינער געווען פון אויסשפּירער־וואַך,
געפּאָרשט וואו איז שונא אויף חרוב'ן שליאַך.

ס'איז דעמאָלט געווען פאַרטאָגיקע צייט,
ווען מיר האָבן דעם שונא דערזען פון ווייט.
אין גראָבנס, אין גריבער, ווי שלאַנגען געגליטשט; —
ס'האָט אונדז שאָטן און שטילקייט פון שונא געשיצט.

נאָר ווען נאָענט שוין אַזוי, אַז אַ קול קען דערגרייכן —
מיט אַ שאָס האָט ליטענאַנט געגעבן אַ צייכן.
מיין קויל שוין, מיין ערשטע, געגרייכט האָט איר ציל:
אַ מערדעריש האַרץ איז געוואָרן פאַרשטילט . . .

מיין צווייטע — האָט אויך איר שליחות דערפילט.
ס'האָט אַ נאַצי זיין לעבן זיין וויסטן פאַרשפּילט.
נאָר איינער אַ ווילדער געטאָן האָט אַ שפּרונג:
מיין שפּיז אין זיין בויך, — זיין שפּיז אין מיין לונג.

און ליכט איז פֿאַרשוואונדן פֿון לויטערן הימל,
און אַלץ האָט געדרייט זיך אין ווילדן געווימל.
אַ מאַסע אויף האַרץ איז געלעגן אַ שווערע —
עס ברענען, עס פינקלען, עס לעשן זיך שטערן.

ביז בלענדיקער רעגן מיט פֿייער צעמישט,
האָט געדאַנקען פֿון קאָפּ מיר אין ווייטיק פֿאַרווישט.
ווען כ'האָב מײַנע אויגן געעפֿנט אויפֿסניי —
אין מײַן קאָפּ די געהירן געווען ווי פֿון בליי.
ווי מיט אײַזנס געשמידטע געווען מײַנע הענט, —
נאָר אין ווײַסן זיך בלײַכן שפּיטאָלישע ווענט . . .

איז וואָס אַז איך שטאַרב איצט אַוועק?
איז וואָס אַז מיט מיר איז שוין אויס? —
אַ פֿאַרלאַנג, ווי די ים'יקע גרויס,
אין האַרצן ביי מיר האָט געברויזט.
אַז אויף פֿרייהייט־געשאַנק — אָט־דעם בעסטן —
זאָל זיך קיינער ניט וואַגן פֿאַרמעסטן . . .

טוט מיך דער טויט מער ניט שרעקן:
כ'האָב געדינט אי מײַן פֿאָלק, אי מײַן לאַנד!
טאָ זאָל מײַן געביין איצט פֿאַרדעקן
די ערד מיט איר ליים און איר זאַמד . . .

עס האָט דער ווינט געדרייט,
און שטורעם האָט געבראָכן אַלע צאַמען:
איך האָב אַ גרוס פֿון טויט
געבראַכט צו טאַטע־מאַמען . . .

מלחמה וויג־ליד

שלאָף, מיין זון, אין זיסן דרימל,
ביסט איצט אין דער פרעמד;
ס'איז דיין וויגל, אונטער הימל, —
און דיין שטוב פֿאַרברענט.

נישט קיין דונער האָט געטראָפֿן
נישט קיין פונק פון בליץ אַרויס:
ס'איז אַ שונא אָנגעלאָפֿן
און פֿאַרברענט דיין הויז.

און פֿאַרנומען פערד און קו
און די שטאַל פֿאַרברענט:
אי ליו־ליו־ליו, זונעניו —
ביסט איצט אין דער פרעמד.

פון אַ בוים עס וואַקסן צווייגן,
און פון צווייגן וואַקסן בלעטער;
ווער זשע קען אונדז איצטער צייגן
וואָס פֿאַרלויפֿן וועט זיך שפּעטער?

אָבער דאָס, מיין קינד, איז זיכער:
דעם שונא׳ס טעג זיינען געמאָסטן.
ווייל אַ הילף עס קומט אַ גיכע,
אַזש פון ווייטן, ליבן מאָסקווע.

ס׳איז דעם שונא׳ס וועג אַ שמאָלער,
וואַרט דער טויט פאַר אים פאַרטייעט;
וועט שוין שונא טייער צאָלן
פאַרן הויז און פאַרן שייער . . .

פון אַ בוים עס וואַקסן צווייגן,
און די צווייגן שפּראָצן גרין.
איצט, מיין קינד, שוין, קענסטו שווייגן, —
חרוב ווערט בערלין! . . .

אומרואיקע יאָרן

די צוקונפט שפּאַנט

פון ווייטע לענדער קומען זיי צוגיין
זיגרייכע און פרייע ווי דער ווינט.
וועלן פעלדער אויך מיט זיי זיך פרייען,
ווי עס פרייט זיך מאַמע מיטן קינד.

וועט דאָס פעלד ניט זיין מער קיין עקרה.
וועלן יונגען ווייסע, שוואַרצע, ברוינע,
מיט אַקער אויפרייסן איר איינגעדאַרטע קאָרע,
און אָנפילן איר אינגעווייד מיט זוימען.

און טאַטע וועט מיט אויגן מער ניט בלאָנדזען
איבער ווייטער לענג און ברייט.
ס'האָט די זון מיט גאָלד און בראָנז,
זיך אויף זאַנגען אויסגעשפרייט . . .

נאָר ניט אַלע זיינען פריילעך אין מיין היימלאַנד:
ס'איז אַ פערטע,
און אַ זעקסטע,
און אַ צענטע
פעלד — פאַרטריקנט און פאַרוואַקסן בלויז מיט שטיינער;
און מיט וויסטקייט, ווי מיט דראָטן איז געפּענטעט . . .

און פון ווייטיק מאַמעס ליפּן פרעסן זיך,
און די טרערן שווערע, הייסע, שטיקן איר,
און די פייערן אין די אויגן לעשן זיך, —
מידקייט שטראָמט אין אַלע גלידער שיכור'ע . . .

גרינער שניט פון בליץ עס בלענדט דעם הימל;
און פּאַסנווייז זיך וויקלען שטרעקעס אָפּ —
אין פרעמדן לאַנד — איר זון אויף אייביק דרימלט;
און אייביק וועט דאָרט רוען שוין זיין קאָפּ . . .

.2

דער טאָג איז פאַרגאַנגען, און שטערן שוין בלאַנקען.
אין מערב נאָך בלוטיקט דער בלויער זעפיר.
נאָר מאַמען עס קומען אויף הייסע געדאַנקען —
איר זונס אַ פאַרשריבן שטיקל פאַפּיר:

„. . . דיין ליבע געשטאַלט וועט מיך, מאַמע, באַגלייטן.
איך בעט דיך, מיין זיסע, ניט קלאָג און ניט וויין.
עס האָט שוין פאַרלאָזן מיך איצטער דער ווייטיק;
עס קלאַפּן שוין מער ניט פון קעלט מיינע ציין.

קוש, מאַמע, מיין שוועסטער אין קינדערשן שטערן;
מיין שוועסטער, וואָס אייגן איז מיר ווי מיין בלוט.
זאָלסט איר דערציילן, ווען גרויס זי וועט ווערן:
איך בין געשטאָרבן — אַז איר זאָל זיין גוט! . . .״

— — — — — — —

און מאַמעס פאַרשטייען, אַז אין צוקונפט וואָס שפּאַנט.
איז אַן אָרט פאַר די יונגע פאַרגרייט:
און אַז זון זאָל פאַר זיי ניט פאַרגיין אין דעם לאַנד, —
מוז מען זיך שלאָגן ביז טויט . . .

אומלויס 107

שוין נאָכן קריג און נאָכן ראַנגל:
צייט — אין צוקונפט ווערט אַ בריק.
נאָר אין קברים איז געפאַנגען
יונגער, שטאַרער, בייזער בליק . . .

כמאַרנע וואָלקנס — גרויע לאַטעס —
איבער זייער קבר ליגן;
יונגע זין און יונגע טאַטעס —
אין דער ברוסט פון ערד זיך וויגן.

וועלדער בליען, טייכן שאַלן,
נאָר די קריגער ליגן שטום;
און ווי טויטלעכע קינזשאַלן —
הענגען צלמים אומעטום.

הענגען צלמים און מצבות
איבער שטרעקעס וויט פאַרשפּרייט:
ווער וועט אויפמאָנען די חובות
פאַר אַ שווערן, יונגן טויט? . . .

. . . .

ווער ווייס וואו די קאָסמישע שטרעקעס זיי פירן — אַוואו?
ס'קאָן זיין, אַז זיי זיינען צופרידן און קריגן דערלייזונג אין רו.
און זיי וועלן ניט מאָנען קיין חובות און ניט טראָגן פאַרדראָסן:
עס דאַרף נאָר אומזיסט ניט צערינען דאָס בלוט, וואָס זיי האָבן
פאַרגאָסן . . .

ווייל זיי האָבן געשוואָרן ביי גאָט און ביי הימל און שטערן,
ווען זיי זיינען אַוועק איבער ים'ען צו קאַמפן צו שווערע,
אַז אויסראָטן זאָל מען דאָס בייזע פון מענטשלעכער שפּראַך,
און דאָס זאָל שוין זיין זייער לעצטע און זיגרייכע שלאַכט.

עס זאָל שוין אויף אייביק דער שלום זיין זיכער באַוואַכט,
און עס זאָלן מער קראָען ניט פּיקן קיין אויגן פון טויטע
בייבאַכט . . .
נאָר אויב זייער קינד ווערט געצוואונגען אין שלאַכטן אין נייע
נאָך גיין,
וועט בלוט זייערס בייז זיך צעזידן, ווי בלוט פון דעם נביא
אויף שטיין . . .

אַ חוב

שוין אַוועק די צייט פאַרשייטע.
ס'האָט זיך רו צוריקגעקערט.
קלאָר איז טייך אויף ברעגן ווייטע,
גראָזן וואַקסן פון דער ערד.

טוט דער טאָג שוין ווידער מאָנען,
און די זון צום לעבן רופט;
און די קוילן פון קאַנאָנען,
גליען מער ניט אָן די לופט.

לייכטן פייערן אין שויבן.
ס'האָט די ביקס איר מויל פאַרמאַכט;
שטערן גרינע — רייפע טרויבן, —
פאַלן רואיקע אויף נאַכט.

יצחק אפרת

נאָכן קריג

ס'איז נאָך קריג: מיט זיג איז פול די לופט,
און אַלץ אַרום;
פון דרויסן הערן זיך די פרייריקע געזאַנגען.
נאָר מאַמע ט'זיך אַראָפּגעלאָזט אויף שטול,
און שטום
איר גרויען קאָפּ אויף ברוסט אַראָפּגעהאנגען.

אַ טרער פון מאַמעס אויג האָט ווייטיק אויס.
ס'האָט שמערץ באַהויכט דאָס אויסגעדאַרט געזיכט.
איז אין דעם שיין פון טאָגעדיקן ליכט —
יעדער טראָפּן שווער אַזוי און גרויס . . .

גאַסן קלינגען, רוישן און זיך פרייען,
נאָר טרויער — מאַמען אין דער שטוב דער ליידיקער —
עס זינגט:
די גאַנצע וועלט איז איצטער חסר־דעה, —
עס איז ניטאָ איר איינציק,
איינציק קינד . . .

ליגט איר זון אין פרעמדן לאַנד,
אין זאַמד פון וויסטן פעלד,
און קיין מצבה שטייט אים ניט צוקאָפּנס.
איז איצט ניטאָ אויף גאָרער, גאָרער וועלט
קיין טרייסט פאַר מאַמעס האַרץ —
קיין זיסער טראָפּן . . .

אומרואיקע יאָרן

געדענקען

ערשטער טייל

געדענקען וועט מען דאָס פּאָר טויזנט דורות און נאָך מערער.
פאַרשריבן וועט דאָס זיין אין אַלטע בלעטער פון געשיכטע.
נאָר גלויבן וועט זיי זיין דאָס שווער —
איז קיין דערלייזער ניט געווען — ניט קיין ריכטער?

זעקס מיליאָן פאַרמאַטערט און פאַרפּייניקט און דערשטיקט,
פאַרברענט, פאַרהונגערט און אויף תליות אויפגעהאנגען;
און ס'האָבן ווייטע טליענדיקע שטערן ניט געשיקט
אַ פלוך צו מענטשן ערגערע פון שלאַנגען?

און איצט, ווען העלפט פון פאָלק פון מיינעם האָט דער טויט
אַוועקגעריסן,
און דאָס פאַרבליבענע שרייט פאַרצווייפלט: העלף!
רואיק איז נאָך אַלץ דער וועלטס פאַרדאָרבענער געוויסן,
ווי רואיק ס'איז געווען ביי די וועלף . . .

צי גלייך דער וועג,
צי קרום,
טאָלנדיק צי בערגיק —
פון אוראַלט לעבט אין אונדז און ברומט
גוואַלדיקע ענערגיע . . .

ווייל ערגעץ וואו אין טיפן אין געהיימע,
אין סוד פון ווערן און פון זיין, —
רינט דער זאַפט פון אויפהאַלט אין געביינען
פון מיין פאָלק, געלייטערטן אין פיין . . .

כ׳בין געווען אין צייט פון פופציק הונדערטער,
כ׳האָב געזען באַצווינגער און טיראַנען —
איז איצט פון זיי קיין זכר ניט פאַראַנען
אויף גאָרער וועלט דער גרויסער און דער רונדער.

נאָר מיין פאָלק — עס לעבט און גייט ניט אויס אין ווייען,
כאָטש געטרונקען ביזן לעצטן טראָפן ביטערן פון כוס:
און לעבן וועט מיין פאָלק אַזוי לאַנג, ווי ס׳וועט זיך דרייען
אונדזער וועלט אין ריטם פון קאָסמאָס . . .

געדענקען

צווייטער טייל

געדענקען וועט מענטש —
ווער עס האָט נאָר אַ האַרץ און געוויסן;
געדענקען — ווי אָונטו געדענקט,
ווען זון האָט אין בלוט זיך געטרונקען.

געדענקען:
ווי עס האָבן די מערדער אַמאָל
געשאָכטן,
גע׳הרג׳עט,
געביסן,
געשטאָכן מיט שטאָל,
אין בויך און אין לונגען.

געדענקען —
ווי אין ענגען פאַרריגלטן קאַמער,
וואו צווישן דעם נאַצי און זון,
~~האָבן~~ גראָבע און שטיינערנע ווענט
געשלאָגן מיט שטומפּיקן האַמער;
געשטיקט מיט פאַרבלוטיקטע הענט.

ס׳איז נאָך טאָג — און אָוונט ליגט פאַרמאַטערט.
מען טרייבט אייך אויף אַ פעלד — זאַנגען גרייט צום שניט;
און ווען ס׳האָט לעצטער שטראַל, אַ לעצטן מאָל געפלאַטערט —
אַ זאַלפּ! . . . און בלוט איז קאַלט, און פראָסט אין יעדן גליד . . .

איר זייט ניטאָ! — אַ דייטש האָט אייך באַגעגענט . . .
נאָר אייער גייסט וועט אייביק מיט אונדז זיין!
מיר, לעבעדיקע, וועלן ווייטער לעבן,
נאָר קיינמאָל . . . קיינמאָל ניט פאַרגעסן אייער פּיין! . . .

זעקס מיליאָן! . . .
וועסט קיינמאָל ניט פאַרוואַנדלען זיך
אין טרוים . . .
און אין יעדן ווינקל פון דער ערד,
אין שיכט פון ווייטן און פון צייט,
ווען ס׳וועט שוין מענטש פון האַסן זיין באַפרייט;
וועט דיין ווייטיק אַלץ נאָך זיין
פאַרצייכנט
און דערהערט!

און ערגעץ וואו אין רוים,
אין דער ענדלאָזער רחבות,
גייען הרוגים אין מחנות —
און שווייגן און הערן און וואַרטן
אויף שטורעם, אויף בליציקן גלאַנץ,
אויף שטרענגען, גערעכטן באַלאַנס . . .

דער פלאַם

(פּאָעמע)

איז וואָס, אַז עס פּלייצט היינט אַ רעגן,
און אויבן איז טונקל און גרוי? —
מיר ווייסן: —
אָט באַלד — און ס'פאַרשווינדן די וואָלקנס,
און הימל ווערט ליכטיק און בלוי.

איז וואָס, אַז ס'איז פינצטער און נאַכט נאָך,
און שרעקן נאָך בלאָנדזשען אַרום? —
מיר ווייסן: —
באַלד און עס קומט אָן באַגינען,
און ליכטיק ווערט גאָלדן די זון.

טויט פון פאָרנט, שרעק פון הינטן —
וואָס ווערט זיין?
ווייענט מיין ווייטיק ווי די ווינטן;
ווייענט מיין פּיין.

אין דער וויסטעניש מיר שפּאַנען
אָן אַ צוועק;
גאַנצע מחנות קאַראַוואַנען
יאָגט די שרעק.

און מען ווייסט ניט אין דעם גאַנג דאָ
פון קיין רו;
אָפּגעשטאָרבן די פאַרלאַנגען
און דער מוט.

וואָלט שוין אָנקומען אַ כוואַליע
קאַלט און גרויס;
און אין ים אונדז טאָן אַ וואַליע —
זאָל זיין אויס!

וואָלט פון אַלץ געווען אַן ענדע:
סוף — קום אָן!
וואָלט פאַרשריבן אַ לעגענדע —
דער בריטאָן.

זאָלן דורות שפּעטער וויסן
דייטשלאַנדס שלעכטס;
אָבער ענגלאַנדס וואַך געוויסן —
איז גערעכט:

„ניט פאַר אידן פּאַלעסטינע
איז געשטעלט;
ס'איז אַ חרוב'ע מדינה —
ווייסטער פעלז.״

„און אַראַבער, בעדואינען
זוכן קריג;
ס'וועלן אידן ניט געפינען
דאָרטן גליק.״

אַזוי גערעדט האָט דער מיניסטער —
גלעט זיין באָרד;
און אין לאָרדן־הויז — דער וויסטער
שטאָלצער לאָרד . . .

— — — — — —

נאָר, ניין! ס׳וועט אונדז קיין כוואַליע ניט אַריינוואַרפן אין ים!
און מיט גוואַלד קען קיינער ניט באַצווינגען גאָרע ערד;
אָט באַלד — און ס׳וועט צעשפּילן זיך אַ פלאַם,
וואָס לאַנג שוין פלאַקערן איז אים געווען באַשערט!

פאַנגען אָן צו זען זיין בלענד שוין אויך די בלינדע:
איז וויי איז צו דיין מאַכט, דו האַרצלאָזער טיראַן!
עס וועט זיך אויפהויבן דיין שקלאַף פון ווייטער אינדיע,
און אַ פאַך טאָן מיט מיליאָנענדיקער האַנט.

עס וואַכן שוין אויף דיינע קנעכט, —
די שפּל׳ע רינדער;
און ווילן ניט טראָגן קיין קייטן —
געדולדיק און שטום;
און גאַרן נאָך פרייהייט,
ווי ס׳בענקען עקרות נאָך קינדער;
ווי ס׳בענקט דער באַגינען נאָך אויפגאַנג,
נאָך ליכטיקער זון . . .

די זון — זי שפּינט פון שטראַלן אויס אַ קייט,
און שוואַרצע שאָטנס אין ווינקלען זיך פאַררוקן:
איז גוט אַזוי וואָס, פאָלק מיינס, ביסט פאַרגלויבט
מיט האַרץ מיט גאַנצן אין אונדזער צוקונפט! . . .

יצחק אפרת

אין וואַלד

(באַלאַדע)

ערגעץ אין אַ שטיבל, אָפּגעזונדערט,
האָט געטראָפן זיך אָט־דער־אָ וואונדער:
ס'איז געווען די צייט פון רויב און שלאַכט.
שטייט דאָס שטיבל אין אַ וואַלד אַן אַלטן, —
האָט אַ געזינד זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן
אין אַ פינצטערער און אומרואיקער נאַכט.

ווער זשע זיינען זיי, וואָס זיינען דאָ געזעסן,
פון גאָט און לייט אינגאַנצן גאָר פאַרגעסן?
מאַן און ווייב און אַ צען־יאָריק קינד.
ס'האָט די צייט אויף אידן שטיינער אויסגעשאָטן;
אָטעמען איז זיי געווען פאַרבאָטן.
דאָס איז געווען אַ אידיש געזינד.

ס'האָט זיי אַ גרויסע נויט אַהער פאַרטריבן,
אין דעם איינזאַמען און וויסטן שטיבל.
וואָס דער סוף וועט זיין — זיי האָבן ניט געוואוסט.
זיי ווייסן נאָר, אַז ערגעץ גאָר ניט ווייט שוין
לויערן אויף זייער לעבן — דייטשן.
ברענט אַ שרעק אַ טיפע אין דער ברוסט.

ניט פאַר זיך עס שטיקן מאַמען טרערן,
און אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגט דעם טאַטנס שטערן:
זייער שרעק איז פאַרן אייניציק קינד!
ס'האָט איר געטאָן פון זיינע אבות הארבן —
אָן שרעק, מיט שטאָלץ אויף שייטערן צו שטאַרבן: —
וואָס ווייס אָבער פון דעם אַ יונג קינד? . . .
זאָגט די מאַמע שטיל אַזוי צום טאַטן:
— „ווייסטו וואָס איך וואָלט געראָטן? —
אַוועקשיקן דאָס קינד אַליין אין וואַלד . . .
אין וואַלד איז טויט אַ ריינער און אַ גרינגער,
מען רייסט ניט אויס די נעגל פון די פינגער . . .
אַ וואָלף — ער טוט אַ שפרונג און טויטעט באַלד!

אַלע דריי — מיר קענען ניט אַוועק, —
ס'איז פאַר אונדז פאַרצאַמט דער פרייער וועג.
אונדזער טראָט וועט אויסזאָגן דער ווינט;
ס'האָט אונדז שונא אָפּגעהאַקט דעם גאַנג,
אַרומגערינגלט ווי אַ בייזע שלאַנג, —
נאָר אפשר וועט זיך דורכרייסן דאָס קינד? . . "

האָט דער טאַטע מיט אַ שטילן טרויער
צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ דעם גרויען,
נאָר ניט אויסגערעדט קיין אייניציק וואָרט.
ווייל ער קען קיין ווערטער ניט געפינען
פאַר דעם אומגליק, וואָס האָט ניט קיין זינען, —
גלאַנצט שוין נייער זילבער אין זיין באָרד . . .

אין דער פינצטערניש דער נאַכטיקער, צעשפּרייטער,
דריקט אַ מאַמע, פרעסט ביז שאַרפן ווייטיק —
איינציק קינד צו מאַמעס הייסן האַרץ . . .
„פון קיין אומרו איצטער וויים מיין האַרץ ניט,
טרוי זיך אָן דער גוטער נאַכט דער שוואַרצער, —
אויסהיטן זי וועט דיך פון געפאַר.
און איך וועל דיר, קינד מיינס, שענקען —
שטענדיק זיי מיט דעם צוזאַמען;
אויף אַ ליכטיקן געדענקען —
אַ מעדאַליאָן מיט טאַטע־מאַמע."

האָט דאָס קינד זיין שרעק צו קיינעם ניט פאַרראַטן,
נאָר שטום אַ קוק געטאָן צום שטילן טאַטן, —
און אַרויסגעלאָזט זיך אין דער נאַכט אויף בלינד.
האָט דאָס גראָז זיין טראָט מיט שטיל פאַרהוילן,
עס זאָל קיין שאָרך דעם שונא ניט דערציילן,
אַז עס ראַטעוועט זיך אין דער נאַכט אַ קינד . . .

ווייסט ניט קינד אין אָט־דער שעה דער שפּעטער,
וועלכער וועג פון וואַלד איז אים אַ רעטער,
אין וועלכער זייט זיין טראָט דאַרף זיין געריכט.
נאָר ווען אין ווייטן הימל אין דעם טיפן,
האָט לבנה זיך גענומען שיפן,
האָט אים אַ צי געטאָן צו גרינעם ליכט.

און שטיל האָט ער געשלייכט זיך ווי אַ שאָטן.
ס'האָט ניט געפילט די ערד ווען ער האָט זי באַטראָטן.
אַזוי איז ער געגאַנגען אַלץ פאָראויס . . .
פלוצלונג . . . אין אַ שטומער, שאַרפער רגע —
ער ווייסט ניט ווי אַזוי — נאָר ס'קומט אים אָן אַנטקעגן
אַ גרויסע, שוואַרצע הויז . . .

און אַ שרעק געטאָן האָט אַ פאַרפלייץ אים,
ווען ער האָט דערשפּירט אַ האַנט אויף פּלייצע . . .
און אין גויאיש גיט מען אים אַ פרעג: „פון וואַנען?
ווער גייט דאָ אין דער נאַכט דער בלינדער?
זע, עס איז דאָך נאָך אַ קינד גאָר!
ביסט אפשר אונדזערער — פון יונגע פּאַרטיזאַנען?

„קום מיט מיר אין שטוב אַריין צום פייער, —
פּאַרטיזאַנען דאָרט — אַ גאַנצע סטייע!
וועלן מיר באַקוקן דיין געזיכט.
די שוואַרצקייט איז אַן אויסגעטראַכטער שאָטן;
וויזן פייער האָט בערקע אונדז פאַרבאָטן.
האָבן מיר מיט קונציקייט פאַרשטעלט די ליכט".

אין שטוב פילט דאָס קליינע אינגל זיך שוין מער צופרידן.
ער זעט: עס זיינען דאָ פאַראַן אויך אידן!
פילט ער זיך שוין היימישער, באַרוטער.
און ווען ער האָט דערזען דעם אַלטן בערל שענקער,
האָט אַ פרייד געטאָן זיין יונג האַרץ פאַרשווינקען
פון אַזאַ באַגעגעניש אַ גוטער.

האָט בערל אויף די קני געזעצט דאָס אינגל בראַווע,
צערטלעך אים געגלעט זיין קאָפּ דעם קוטשעראַווען,
און מילד געטאָן דאָס קינד אַ פרעג:
„וואו איז איצט דיין טאַטע — זלמן דיין?
און דיין יונגע מאַמע שרה חיה? —
וואו האָסטו זיי פאַרלאָרן אין דעם וועג?"

האָט דאָס אינגל ניט פאַרשווענדט קיין רייד אומזיסטע:
דערציילט זיי פון דעם וואַלד און פון דער שטוב דער וויסטער,
און ווי שלעכט מיט זיין טאַטע־מאַמע האַלט;
ווי די מאַמע אין פאַרצווייפלונג האָט געראטן,
און מיט שטומקייט צוגעשטימט האָט טאַטע,
אַז ער אַליין אַנטלויפן זאָל אין וואַלד . . .

און עס פיבערט ס'קליינע אינגל
מיטן קלענסטן דינסטן אָטעם.
גלעט מיט צאַרטע, דינע פינגער —
בילד פון מאַמען און פון טאַטן . . .

האָט בערל זיך פאַרטראַכט אַ וויל.
ס'איז ניט ווייט די שטוב — בלויז אַ מייל,
וואו דער וואַלד באַזוימט פון טייך דעם ברעג:
„רופט צונויף די חברה, וואָס איז איצט צעשאָטן
אין די גריבער, אויף די וועגן און אין בלאָטעס —
און אַרויסלאָזן זיך תיכף אויפן וועג."

איז בערל דער אַלטער צעוואַקסן אין לענג און אין ברייט.
אַ מעכטיקע גבורה כּאָוועט ביי אים אין די אַקסלען.
זיין פּנים פון זוניקע זומערס געקאַרבט איז און רויט.
זיין קאָפּ — פון שנייאיקע ווינטערס מיט פראָסטיקן זילבער
באוואקסן.

. . . .

זיי האָבן צעלאָזט זיך אין וואַלד אין פינצטערן ברייטן.
ס'איז מער ניט געווען קיין לבנה ביים אויסלאָז פון נאַכט.
זיי זיינען ווי חיות געקראָכן פון איין בוים צום צווייטן,
ביז ס'האָט זיי דער אַלטער צום שטיבל צום וויסטן געבראַכט.

איז בערל מיט קינד אויפן אַקסל געווען ביי דער שטוב פון די
נאָענטסטע,
און זעט ווי אַ גבור אַ דייטש שלאָגט מערדערלעך זלמן דעם דיין.
אַראָפּגעלאָזט אינגל אויף ערד און אַ זעץ מיטן פויסט אינעם
פענצטער,
אַ שפּרונג מיט אַ ברום אויפן דייטש, צערייצט, ווי אין וואונדן
אַ חיה.

דער דייטש אַ צעמישטער שפּרינגט אָפּ פון צע'הרג'עטן דיין,
און ציט אוים אַ פרענטע־אַ־האַנט — דעם גאָרגל ביי בערלען
דערלאַנגען.
נאָר בערל פאַרשטשעמעט די ציין און שיפּעט: „פאַרשאָלטענער
קין!" —
און נעמט אים אַרום אין דער מיט און דריקט מיט צוויי אייזער־
נע צוואַנגען.

. . . .

עס האָבן אין קלעם זיך געבראָכן די דייטשע ביינער,
און בלוט האָט געהונגערט פון מויל דורך פאַרשלאָסענע ציינער;
און פון לעצטן געשריי אין פרימאָרגן דעם פרישן און העלן —
האָבן די האָר ביי דעם אינגל געגומען קאַפּויער זיך שטעלן...

פון שטוב אַרויס איז בערל אויסגעמאַטערט,
מיט ערנסטקייט פאַרצויגן אויפן פּנים:
מיר האָבן דאָ אַ לאַנגע צייט געפּטר׳ט, —
און די טיף פון וואַלד באַהאַלט אַ מחנה שונאים.

איז דער פּלאַן:
אונטערצינדן וואַלד און פאַרטרויען זיך צום אומרו פון די ווינטן.
בלעטער און טרוקענע גראָזן פאַרכאַפּן וועט פייערשער וויכער,
און טראָגן צעפלאַקערט צום האַרץ פון טונקעלע וואַלד־לאַבי־
רינטן, —
עס זאָל דאָרטן קיין לעבעדיק נפש ניט קענען פאַרבלייבן גע־
זיכערט!

און מיר׳ן באַרינגלען דעם וואַלד און וואַרטן אין גראָזן פאַרטייעט,
ווי טיגער עס לויערט אויף רויב, מיט שטילן און לאַנגען געדולד;
און זאָל אין צעמישונג פון וואַלד זיי טרייבן דער רויך און דאָס
פייער:
באָדן מיר וועלן זיך היינט אין הייסן, אין הינטישן בלוט.

. . . .

און קלאָר איז געווען פּאַרטיזאַנען, ווי זיי וואָלטן אַ שבועה דאָ
שווערן,
ווען זיי האָבן געקוקט צו דעם וואַלד מיט אויגן פון שנאה
פאַרזשמורעט;
אַז זיי גייען אין קאַמף אָט־דעם שווערן און וועלן צוריק זיך
ניט קערן,
ביז פייער און ביקס וועט פאַרניכטן די קרעציקע שקורעס . . .

יצחק אפרת

די זון האָט גערעדט

אַ שיף מיט אידישע פּליטים וואַנדערט אויפן ים
און קיינער לאָזט זיי אין ערגעץ ניט לאַנדן.
(פון די צייטונגען.)

שיפן עס גייען, שיפן עס קומען.
אין נאַכט, אין טומאַנען, די שיפן זיי ברומען.
זיי שווימען פון איין קאָנטינענט צו דעם צווייטן,
נאָר די שיף פאַרלאָזט ניט די ים'ישע ברייטן.

וואָס וואַנדערט זי אום, ווי אין האַרבסטן אַ בלאַט?
און פונקט — ווי מיר כוואַליעס — זי איז נע־ונד?
צי קען זי קיין היים
ניט געפינען אין יאָרן?
צי האָט זי דעם וועג
צו די ברעגן פאַרלאָרן?

— — — — — —

די זון, וואָס קרייצט איבער טאָג־טעגלעך דעם הימל,
און וואַרעמט די זאַפטן די גרינע און בלימל,
טרייבט אום דעם חושך, באַלויכט אַלע טיפן,
וואַכט איבער ים'ען, באַמערקט אַלע שיפן.

פאַרגייט אין דעם אָפּגרונט,
גייט אויף פון דער טיף,
די זון האָט גערעדט:
— „באַהיט אָט־די שיף!"

די זון האָט גערעדט און דער ים האָט געהערט:
— דער שיף, אָט־דער גרויער, עס איז איר באַשערט
וואָגלען אויף ימ'ען, ניט געפינען קיין אָרט.
קיין אָפענע ברעגן, קיין זיכערן פּאָרט . . .

— די מענטשן, וואָס שווימען אין דער שיף אָט־דער גרויער,
זיי לויפן פון גזלה, פון מאָרד און פון טרויער;
זיי לויפן פון הונגער פון פיין און פון שאַנד, —
נאָר אויפן ערדישן קיילעך ניטאָ איז אַ לאַנד,
וואָס זאָל זיי באַגריסן אין שטאַנד אָט־דעם שווערן;
באַגריסן מיט פריינטשאַפט, פאַרווישן די טרערן,
און שענקען אַ ווינקל — אַן אָרט פאַר אַ היים,
אויף רואיקער ערד, מיט זאַמד און מיט ליים . . ."

— — — — — —

די זון האָט גערעדט און דער ים האָט געהערט:
— „צו וואָגלען אויף ימ'ען דער שיף איז באַשערט . . .
באַשיץ זי פון שטורעם,
געפערלעכע שטראָמען,
פון ענדלאָזע טיפן
און פינצטערע תהומ'ען . . ."

יצחק אפרת

די אידישע פאָן

אַ פונק איז פון שייטער אַרויס,
האָט ווינט אים פאַרטראָגן פון פייער.
וואַקסט אין די הימלען איצט אויס —
אַ שטערן אַ נייער.
האָבן איידעלע הענט זיין אָנזיכט פון ווייט —
פאַרשפונען אין זייד.

צענעם דיינע פאלדן ווי פליגל,
צעפלאַטער דיין זייד אויפן ווינט:
אָטעמסט מיט אייביקן פרילינג,
מיט שטענדיקער פרישקייט פון קינד.
פאַרבן אַ סך האָט דער פלאַם:
דו האָסט נאָר צוויי — ווייס און בלוי!
איז דיין ווייסקייט — די שוים פון דעם ים;
פון הימל — דיין לויטער און בלוי!

ווייס און בלוי עס שאַלט און שרייט:
עס האָט אַ פאָלק זיך איצט באַפרייט!
מיט שטאָלץ און מוט,
דורך פיין און בלוט, —
אַליין באַפרייט... אַליין באַפרייט!...
און גייט מיט מיר אין שלאַכט און פייער,
פאַר דער ערד, וואָס איז אים טייער.

— — — — — — — — —

צענעם דיינע פאלדן ווי פליגל,
צעפלאַטער דיין זיידנס אין לופט:
זאָל אויף אַלע פיר עקן צעקלינגען
דיין שטאָלצער, דיין הערלעכער רוף!...

פאַר אַ נייעם שפּעטער

הויבט ווידער זיין האַנט שוין דער בלוטיקער שניטער.
די רייד זיינע שיינע — אַ שלאַנגישער קאָפּ איז.
דאָס ברומט ניט קיין דונער, וואָס קומט פון געוויטער;
דאָס רעגט ער דעם הונגער אין שטעט אין אייראָפּע . .

דאָס איז ער, דער אייגענער! כאָטש אַנדערש זיין אָנטאָן:
מער גייציק און האַרטער איז איצטער זיין פּנים.
ער האָט דאָס געשריגן: „וואָס דאַרף מען צוויי פּראָנטן? . . ."
ס'איז דער אייגענער גייסט — קוק אָן און דערקען אים! . . .

שטייט איצטער די צייט און וואַרט אויף אַ תיקון:
זאָלסט גיכער דערוואַכן און אָנהויבן זאָרגן!
ווייל ניט נאָר דעם היינט איצט וויל ער דערשטיקן;
ער וויל אויך דאָס לעבן פון קינדער פון מאָרגן! . . .
מוז דערשפּירן מאַרך פון יעדן גליד,
אַז אונדזער היים איז ניט נאָר אונדזער אייגענע מדינה:
ס'איז אונדזער זאָרג דער גורל פון מאַדריד;
ס'איז אונדזער שלאַכטפעלד אויך אין פּאַלעסטינע.
ס'איז אונדזער בלוט, וואָס טוט פון נעגער דעם געלינטשטן רינען;
ס'איז אונדזער קאָפּ, וואָס פאַלט אין ווייטער כינע.

איז דאַרף מען זיין פֿאַרגורט —
גרייט דעם היינט פֿאַר מאָרגן אָפּצוגעבן.
פֿאַר קומענדיקן דור, וואָס וואַרט נאָך אויף געבורט —
עפֿענען דאָס נייע לעבן.

פֿאַרמעסטן זיך מיט אַלע חושים ווייטער פֿירן
צו צייט צו זיכערער, מיט ליכטיקן פֿאַרדינסט;
און פֿאַר אַ נייעם שפּעטער עפֿענען די טירן
פֿון מאָרגנדיקן דור — מיט יום־טוב און געווינס . . .

זאָל אַ לויכט טאָן געדאַנק אַזוי פּראָסט

צייט אַזוי מיין בענקשאַפט מיך אַהיים —
צום ווייב, צום קינד, צו פּנים'ער באַקאַנטע;
ווי פייערן נאָר רייסן זיך צום רוים,
ווי טייכן ציען זיך צו האָריזאָנטן.

***

ניט דערפאַר ווייל דאָ אין לאַנד איז ענג,
איז אין דער פרעמד זיי גייען זוכן גליק;
נאָר ווייל מען האָט באַפוילן שטרענג:
מוזט גיין אין קריג!

איז שטום פאַרלאָזן זיי די קינדער און די היימען.
אַ שווערע טרער אין מאַמעס אויג עס ברענט;
און אויפן האַרץ דער ווייב עס פאַלט אַן אימה:
וואָס געשען מיט אים וועט אין דער פרעמד?

***

לופט־שיפן פליען שטאָלצע און גרינג.
אַ טויך און אַ קנאַל! — און לעבן אַרום איז פאַרוויסט שוין!
און דאָרשטיקע ערד טרינקט בלוט אַליך און טרינקט
פון לעבנס פון יונגע פון פרישע.

יצחק אפרת

איז לופט דאָ צעטרייסלט און וויגט זיך ביז שוימיקע הויכן.
קאַנאָנען עס רישען און פייפן; טאַנקען זיך בייזערן.
מוז דען דער אמת דורך בלוט נאָר צו מוחות דערגרייכן
דורך לעצטן גסיסה־געשריי אין גאָרגל אין הייזעריקן?

ווייל אמת עס איז — ווי איך לעב אויף דער וועלט —
אין באַטרוג און אין פאַלשקייט זיי זיינען פאַרגלויבט.
איז שיקזאַל פון פעלקער אויף וואָגשאָל געשטעלט,
און היימען פון גליק און פון פרידן באַרויבט.

ווען פיינטשאַפט עס הערשט, מלחמה עס ברענט,
און יוגנט באַגעגנט נאָר טויטן;
וואַקסט ניט פאַר הייזער פון ציגל קיין ווענט,
וואַקסט ניט אויף פעלדער קיין ברויטן.

* * *

וואָס וויל איך? וואָס זוך איך אין פרעמד און אין וויטן?
וואָס שטרענג איך מיין האַנט פאַר געפעכט?
איז אויב מיין געביין וועט דאָ פאַלן אין שטרייטן, —
ווער קען זאָגן: עס איז ניט גערעכט? . . .

* * *

טאָ זאָל זיי אַ לויכט טאָן געדאַנק אַזוי פּראָסט,
ווי עס וואַקסט אויס אין פרילינג אַ בלימל;
און לויטער זיי ווערן זאָל פאַלשער פאַרדראָס,
ווי דער ליכטיקער מילך — וועג אין הימל . . .

איינענס

מײַן ליד

(א. רייזינען)

כ׳טראַכט אַמאָל: וואָס דאַרף איך גאָר אײַנגאַנצן שרייבן לידער?
ס׳זיינען דיכטער דאָ פיל בעסערע פון מיר.
נאָר עפּעס איז פאַראַן אַזוינס אין מיינע גלידער,
וואָס טרייבט מיך אויסגיסן דאָס האַרץ אויף ווייס פּאַפּיר.

איז ווען איך נעם אַ העפט מיט בלאַנקע בלעטער, —
טוט מיין פולם מיט פרייד אין מיר אַ טאַנץ.
ווייל נאָך אַ שווערן טאָג, אין שעה אין שפּעטער,
ווערט מיין „איך" אין לידער נאָר פאַרגאַנצט.

ווייל איך, אַ קינד פון הונגעריקן היינט און נעכטן,
זינג פון מענטש, וואָס איז אין קלעם געפאַנגען.
איז אויסרעדן דעם ווייטיק דעם גערעכטן, —
קען מען אמת לויטערן דערלאַנגען . . .

אין שפּעטער שעה, —
ווען שטאַנג צווישן טאָג און נאַכט זיך גיט אַ וואַקל,
ווערט לייכטער דער געמיט פון פיין באַשווערטער.
איז דאָרט און דאָ, —
אויף ווייס פּאַפּיר באַוויייזט זיך דער סך־הכל,
מיט די קלאָרסטע ריינדיקסטע ווערטער.

שטיקער חושך פֿאַלן אָפּ פֿון הייזער.
הויכער הימל שפּילט מיט ווייסער שיין.
אויף מיין קליינעם זייגערל דער ווייזער
זאָגט, אַז באַלד — און גרויסער טאָג וועט זיין.

דורכן פֿענצטער זע איך גרויסע ברייטן.
ערגעץ וואו פֿאַרשווינדן שוואַרצע ווענט.
באַלד וועט האַר אַ גייציקער אָנטאָן קייטן
אויף מיינע נוצלעכע סענסיטיווע הענט . . .

אָ, ליד! דו הונגעריקסטע ליידנשאַפֿט פֿון מיינע הענט,
דו ביסט מיר אַלץ — אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג.
כ'האָב מיין ווייגעשריי אין דיר פֿאַרקלעמט;
אַלע מיינע צווייפֿלען כ'האָב צו דיר געווענדט.
איז זאָל מיין ליד, ווי פֿרילינגדיקער רעגן,
טאָן אַ פֿאַל מיט ברכה אויף די וועגן;
אָדער —
ווי אַ ליכטיקער און יום־טוב'דיקער טאָג.

אומרואיקע יאָרן

האָטעל-צימער

(איינדרוקן)

גיך ווער איך געוואוינט צו קאַלטער פרעמד.
איך קען אַ פרעמדן שמייכלענדיק באַגריסן.
נאָר מיין צימערס ליכטיקע פיר ווענט,
קען פון היימישקייט פון מיינער ניט געניסן.

די זון האָט אויסגעפאַרבט אויף וואַנט פון גאָלד אַ פאַס.
דאָס מעבל נײַ, — אויף דיל איז ווייך צו טרעטן.
נאָר איך פיל זיך אין דעם צימער ווי אַ גאַסט, —
אַ נישט פאַרבעטענער.

פרעמדער אָטעם גיט אויף מיר אַ בלאָז.
פון דעם וואָס איז אַוועק נאָך ערגעץ רוט אַ שאָטן:
ניט־באַקאַנטע האַרטקייט — שטיקלעך גלאָז
אונטער מיינע פיס איז אויסגעשאָטן.

אין פרעמדער שטאָט עס טרעטן מיינע פיס.
טוט נײַע פרעמד מיין גיריק אויג דערפרייען.
נאָר אין מיין צימער עפּעס מיך באַגריסט —
וואָס כ'קען ניט זען, נאָר פיל כ'בין אין צווייען.

כ'פיל אַ פרעמד־געדאַנק זיך טוליען צו די ווענט.
אַ פרעמדן וועזן אין דער שטילקייט קען איך הערן.
גיך ווער איך געוואוינט צו קאַלטער פרעמד,
נאָר מיט מיין צימער היימישער איך קען ניט ווערן.

ווילן

איינגעשפּאַנט אין שווייסיקער אַרבעט איז דער ווילן פון מיינע
הענט;
ווי וואַסער אין אַ דאַמבע מיט בלינדע פיר ווענט.
ווי אָנגעזאַמלטע וואַסערן דרייט רעדער און מילן,
אַזוי אויך מיינע הענט אין איינגעצוימטן ווילן.

ווערן פאַרלאָרן מיינע ליכטיקע, זוניקע טעג,
ווי טויאיקע טראָפּנס אין שטויביקן וועג.
אָבער די שוואַרצסטע פינצטערניש סוף נאַכט,
טראָגט ליכטיקן טאָג אין איר טראַכט.

פון אָפּגרונט טיפע שטראָמען קוועלן שוימיקע און קלאָרע,
און פון פיינלעכן דענקען ווערט דאָס ליכטיקע דרייסט־וואָרט
געבאָרן.
ווי איבערגעזאַמלטע וואַסערן צעשטערן רעדער און מילן,
אַזוי אויך מיינע הענט אין באַפרייטן ווילן . . .

מיינע אויגן

מיינע אויגן זיינען גרויסע, שוואַרצע פייערדיקע אויגן;
זעען זיי פאַר שטרעקעס ווייט אַרום.
מיינע פינגער זיינען דינע, לאַנגע, ביינערדיקע פינגער —
הונגעריק און שטום.

איז ווען דער הונגער קראַמפּט צונויף די פינגער מיינע
ווייטיקדיק אין קנויל;
שפּריצן מיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן —
פייערן פון גרויל . .

איז ווי ווערט זיין צו דעם, וואָס זיינע אויגן זיינען פעט פאַר־
וואַקסן קליין און בלינד;
און ווי איז דעם, וואָס זיינע פינגער זיינען דיקע, קורצע פינגער
פון אַ קינד . . .

מיינע יאָרן

איז מיין ווייטיק איינזאַם אין דער גרויסער שטאָט.
נאָר ווען עס שטייגט מיין פּיין אַרויף אין הויכע הויכן,
מישט ער זיך אויס מיט זשאַווער און מיט רויכן,
וואָס שוועבן דאָרטן פון דער גרויסער שטאָט . . .

שטיי איך אין מיין ווייטיק שטאַרק ווי שטיין —
אַ ריז געשמידט אין אייזן־קייטן;
לייטערן די יאָרן מיינע נויטן,
ווי עס שלייפן יאָרן שטאַרקן שטיין.

לייטערט אויס דער ווייטיק דעם פּיין פון מיינע יאָרן;
איז מיר אַזוי גוט סיי דאָרטן און סיי דאָ.
פיל איך אין אַ ליכטיקער שעה,
ווי ס'לייטערט אויס דער פּיין דעם זין פון מיינע יאָרן . . .

פרילינג

(שטימונג)

איך גיי אין פרימאָרגן און הער,
ווי ס'וואַקסן אין שטילקייט די בוימער:
עס צייטיקט און גרינט . . .
ווילט זיך מיר זיין פון זיי איינער,
און בליען ווי ס'בליען די בוימער,
גענערט פון זון און פון ווינט.

און פרילינג: — ער זאָל מיך געפינען
באַנייט, ווי די בוימער וואָס גרינען;
ניט ווערן פון עלטער פאַרשעמט.
איז אָבער דעם מענטש ניט באַשערט,
פאַרוואָרצלט צו זיין אין דער ערד —
אַזוי ווי דער דעמב . . .

יצחק אפרת

צו אַ קינד

(ריקי׳ן)

וואו ביסטו, אינגל פֿאַרשייטער,
זון פֿון מיינע ערלעכסטע פֿריינט?
איך בין פֿון דיר איצטער אַ ווייטער,
נאָר מיט דיין קינדערשן אומרו באַשיינט.

ווען כ׳האָב מיט דיר שפּאַסן געטריבן,
געשפּילט זיך מיט דיר און געלאַכט;
האָסטו קינדהייט, וואָס מיר איז פֿאַרבליבן,
צוריק צום באַוואוסטזיין געבראַכט.

אין „זו", וואו עס ברומען די לייבן,
וואו דער טיגער וואָלט מענטשן פֿאַרצוקט;
האָסטו, אין דיין קינדערשן גלויבן,
זיי גלייך אין די אויגן געקוקט.

דערנאָך, ווען צו מאַלפּעשע שטייגן,
עס האָט דיך דיין זיידע געבראַכט;
האָט די זון דורך שיטערע צווייגן,
שענער פֿון דיר ניט געלאַכט.

טאָ זיי מיר געזונט, קליינער יאַטל,
זיי רואיק, ווייל קענסט זיין באַרוט;
אַ דאַנק פֿאַר דיין קינדערשן פּלאַפּל,
פֿאַר דיין חנ׳עוודיק רופֿן מיך — „בופּ".

לאָס אַנדזשעלעס

דער הימל אַ בלויער איז פול מיט באַגינען.
עס פאַנגט אָן אַ טאָג זיך אַ נייער צו שפּינען.

באַשווערט זיינען גראָזן מיט נאַכטיקע טויען.
גאַסן זיך ציען אין ווייטן אין בלויע.

סטעזשקעס פאַרקריכן אַרויף אויפן באַרג,
וואו הייזער זיך טוליען צום פעלזיקן קאַרק.

שטיבער זיך קלעפן צו באַרגישע אַרבל,
און ווערן אַ טייל פון פאַנטאַסטישע פאַרבן.

ס'איז אין מיטן יאַנואַר, און גרין דאָ דער בוים איז:
דאָס זאָגט אָן אויף מילדקייט פון היגע מקומות.

אויך אין מיין היים־שטאָט איז איצטער יאַנואַר,
נאָר ערד איז פאַרשטיינערט, אין קעלטן פאַרשפּאַרט,

דער הימל אַ גרויער און אָטעמט מיט פראָסט.
נאָר דאָ—אין די ווינטן מיט פרילינג שוין בלאָזט.

עס נעסטן די פויגל, עס אַרבעטן בינען,
און אַלץ איז פאַרטאָן נאָר אין וואַקסן און גרינען.

בלעטער זיך סוד'ען מיט צווייגן צעוויגטע.
מיין טראָט אַזאַ לייכטער, איך שוועב — אַ פאַרליבטער.

ווי אַ קרעניצע פול ווערט מיין האַרץ ביז די ראַנדן
מיט גוטסקייט, מיט ליבע, מיט אַלץ מיט אַנאַנדער.

כ'האָב ווינטער אין שנייען אינגאַנצן פאַרגעסן.
עס שטייען דאָ זוניקע, קלאָרע מעת־לעת'ן.

רואיק, אין שיין פון פרימאָרגן אין רוימען,
ציען זיך שטילע און פרידלעכע טרוימען.

נאָר שוימיק, מיט רויש דעם באַגינען אַנטקעגן,
רייסט זיך פאַסיפישער ים פון די ברעגן . . .

איך גיי אין דער שפע פון וואַרימער גרינקייט,
און שעם זיך אַליין פאַר מיין אינגלשער פלינקייט . . .

פאַר מיין איילי קן טראָט, פאַר געפילן די נייע:
איך בין דאָך שוין מער ניט דאָס אינגל דאָס פרייע . . .

זינט כ'האָב צום ערשטן דערזען מיין מאַמען,
האָבן זיך טייכן און טייכן באַהעפט שוין מיט ים'ען.

אומרואיקע יאָרן

און וויפיל חלומות אין יאָרן צערונען!
נאָר זעלטן אַ וואונטש אַ געגאַרטן געפונען:

נאָר איידער מיין קאָפּ וועט מיט ערד נאָך באַקאַנט זיין,
וויל איך זיך באַזעצן אויף דער אָקעאַן זייט,

און זאָלן די ווינטן, ווען זיי גלעטן מיין פּנים,
מיט נייגער אַ זאָג טאָן: „כ׳קאָן אים . . . כ׳דערקאָן אים! . . .

און כוואַליעס פאַרשייטע, וואָס זאַמדן באַגיסן,
מיך ווידער מיט פריידיקן אומרו באַגריסן.

און פריינט דאָ, וואָס טוען מיין איינזאַם פאַרלינדן, —
כ׳וועל מיט צאַרטקייט אין האַרצן אויף אייביק פאַרבינדן . . .

אין קאַלטן דרויסן

כ'קוק אין פענצטער פון וואַגאָן ווי כ'טו זיך טראָגן,
און אָנגעלאָדן ווערט מיט אומעט מיין געמיט.
ווייל עפּעס טיף אין מיר עס טוט מיר זאָגן,
אַז קיינעם גייט ניט אָן וואו ס'וואַקלען מיינע טריט.

ברויז פון געפילן — נאָר צונג מיינע שטום איז.
אין מיין אָפּשייד און אָנקום איז קיין פרייד ניט פאַראַן:
זיינען די נערוון פאַרצויגן ווי סטרונעס,
צו שוועל פון מיין עלנט עס פירט מיך די באַן.

אמת לעבן נעמט מיך אָן און לאָזט זיך גיין,
און ווי אַ קינד ביים האַנט עס טוט מיך פירן;
איז ווייס איך ניט צי איז דאָס גוט, צי ניין,
ווייל איינס איז קלאָר:
מעג איך זיין אַוועק אויף וויפיל יאָר,
וואַרט קיינער ניט אויף מיר אין עפענונג פון טירן.
איז וואָס זשע וויל איך—טרייסט? צי מיט עפּעס זיין באַוואָרנט?
ניין! ס'איז בלויז מיין האַרץ מיט איינזאַמקייט פאַרצאָרנט...

אַמאָל אין אַן אָוונט

זיץ איך מיר אַזוי אַליין.
אין מיין צימער גאָר אַליין.
פּלוצלונג הער איך אַ געוויין.
פרעג איך דאַן זיך אַליין:
פון וואַנעט קומט אָט דער געוויין?

און אַ שטימע צאַרט און שטיל,
מיט אַ בענקנדיק געפיל,
מיט אַ טאָן פון טיפן טרויער,
רוימט מיר איין אַ סוד אין אויער:
אָט־דער דומפּיקער געוויין,
קומט דאָך אַרויס פון דיר אַליין:
פון דיין אייגענעם געוויסן,
וואָס אויף שטיקלעך איז צעריסן, —
און אַ שטיקל ערגעץ ווייט,
איז געשטאָרבן פאַר דער צייט . . .

— — — — — —

כ׳שפּיר אַ גרויסער, האַרטער קנויל
וויקלט זיך ביי מיר אין מויל,
און אין האַרצן אַזוי קלעמט,
וואָס איך בין צו זיך גאָר פרעמד.
וואָס איך קען ניט פילן מער,
ווען פון אויג מיר רינט אַ טרער;
און איך פיל מיך אַזוי קליין,
וואָס איך וויים ניט ווען איך וויין . . .

ווען איך גיי אַרום און טראַכט

ווען איך גיי אַרום און טראַכט,
וואו צו נעכטיקן די נאַכט;
ווען איך צייל וואָס איך פאַרמאָג,
און זע: ס'איז ווייניק פאַרן טאָג;
און עס ברויזט אין מיר אַ קוואַל,
פון פאַרביטערונג און גאַל;
און פון לעבן בין איך מיד —
זינג איך דאַן מיין בעסט ליד . . .

ווען איך גיי אַרום אין זאָרגן
פאַר דעם קומענדיקן מאָרגן,
און אַן עלנטדיקע נויט
קוקט פון מיין צעריסן קלייד;
און אַ האַס אין האַרצן קוועלט
צו דער אומגערעכטער וועלט —
דאַן — מיט טרויעריק געמיט,
זינג איך מיר מיין בעסטע ליד . . .

ווען מיין מזל טרייבט מיך אום
איבער ערטער טויט און שטום,
איבער וויסטענישן פוסטע,
איבער וועגן אומבאַוואוסטע;
און אַ דאָרשטיקער אַ בלאַסער,
זוך איך אום אַ טראָפּן וואַסער —
און די זון פון שויבן גליט:
זינג איך מיר מיין בעסטע ליד . . .

דאָס איז פאַר דיר

(סערענאַדע)

דאָס איז פאַר דיר, מיין טייערע:
דאָס בעסטע וואָס איך קען דיר געבן.
ס'איז איינגעשפינט מיין האַרץ
אין רויטע זונען־אונטערגאַנג־געוועבן;
האָב איך אַ הייסן פאָדעם אויפגעקנוילט,
וואָס הייסער טויזנט מאָל איז נאָך פון פייער, —
און גיב דאָס דיר.
ווייל דאָס און דו — איז אַלץ וואָס איז מיר טייער . . .

דאָס איז פאַר דיר, מיין טייערע:
דאָס ריינסטע, וואָס מיר איז געבליבן.
כ'האָב דאָס אין בלויע נעכט,
מיט פאָספאָר־שיין
פון כוואַליעס שוימיקע,
אין שטורעם־ווינט געקליבן;
געלייטערט דאָס אין זיבן פייערן פון פיין —
און גיב דאָס דיר.
ווייל דאָס און דו — איז אַלץ וואָס כ'קען נאָך ליבן . . .

אויגן

איך האָב דיך באַגעגנט,
געזען דיינע אויגן;
הויך אין די רוימען
זיינען טויבן געפלויגן.
און אין דעמערונג־שעה'ן,
ווען האָלץ־ווערים גליען,
טוט מאָדנע אַ בענקשאַפט
אין ווייטקייט מיך ציען.

מיך לאָקן אין פינצטער
צוויי אויגן, וואָס גליען;
עס רוישט ווי דער פלאַטער
פון טויבן, וואָס פליען.

. . . . . .

איך האָב דיך באַגעגנט,
געזען דיינע אויגן;
די נאַכט האָט פאַרשלונגען
די פאַרבן פון בויגן.

איך ווייס ניט

איך ווייס ניט ווען כ'האָב דיך געזען און וואו? —
דאָך וואָלט איך מיטן ערשטן קוק דיך גלייך דערקענט,
נאָך דיינע זעענדיקע הענט,
וואָס גלעטן מיך, ווי נאָר איך מאַך די אויגן מיינע צו . . .

איך ווייס ניט ווי דו ביסט — צי קליין צי גרויס? —
דאָך וואָלט איך מיטן ערשטן קוק דיך גלייך דערקענט,
פון דעם פייער, וואָס אין דיינע אויגן ברענט,
און לאָקט מיך ווען די אָוונט־שאָטנס וואַקסן אויס.

איך ווייס ניט, וואָס דו ביסט — צי אַלט, צי נאָך אַ קינד? —
דאָך וואָלט איך מיטן ערשטן קוק דיך גלייך דערקענט,
פון דעם גייסט, וואָס שוועבט נאָך דיין אַוועקגיין איבער מיינע ווענט,
און פון דעם שאַרפן ריח פון זומער־זון און ווינט.

יצחק אפרת

צאַרט און שטיל

שטיל און צאַרט פאַרטראַכט,
קומט צו מיר אַ וועזן אָפּט ביינאַכט,
איינגעוויקלט אין אַ נעבלדיקן שלייער.
רוימט דאָס שטיל מיר סודות איין אין אויער,
קושט די אויגן און די ליפּן מיר,
און ווערט פאַרשוואונדן דורך פאַרמאַכטער טיר . . .
דאַן דערוואַך איך פון מיין האַלבן דרימל,
און קוק אַרויס פאַר'חלום'ט צו דעם הימל.
עס דערוועקן זיך אין האַרצן מיר באַגערן. —
וויפיל אויפן הימל דאָרטן שטערן. —
און דעם בעסטן וואונטש, וואָס אין מיין האַרצן גליט —
ווידמע איך אַ ליד . . .

דער קרייז

ערגעץ וואו שוועבט דער שאָטן פון אַ יעדן אויפגאַנג.
ווען זון גייט אויף ווערט שאָטן קלענער;
נאָר ווען די זון פאַרגייט, באַגעגענען זיך — ענדע מיטן אָנפאַנג;
דאַן פאַרגייען אויך די לעבעדיקע טענער . . .

איז ווען מיין לעצטער טאָג וועט אויבעט קומען
און אַלץ וואָס איך וויל זאָגן וועט פאַרשטומען;
איז ווי געוויכטן גלייכע שטעלן אָפּ די וויגנדיקע שאָלן —
זאָל מיין האַרץ מיט טרויער ווי מיט טיפסטער פרייד זיין אָנ־
געקוואָלן . . .

זאָל זיין מיין האַס ווי קיינמאָל ניט געוואָרן;
ווי אַ פאַרפאַלענע אין טיפקייטן אַ שיף;
ווי יעדער טראָפּן ברויזנדיקער צאָרן,
וואָלט צום האַרצן קיינמאָל ניט דערטריפט . . .

אַנטוישט

די זון פאַרגייט!
די לעצטע שטראַלן פאַרבן בלוטיק־רויט,
באַקן בלייך און צאַרט און אויסגעצערט,
נאַקעט, אָנגעשוואָלן ווייס־באַפּרוכפּערט לייב
פון דעם אומגעזעצלעך ווייב.
בלענדן אויגן גרויסע, בענקענדיקע,
און טויכן צווישן טרערן בליציק אויף —
אַנטוישט! ...

די זון פאַרגייט!
די לעצטע שטראַלן פאַרבן גאָלדיק־רויט
דעם שפּיץ פון חרוב'דיקע ווענט,
וואו אויפן ראַנד שטרעקט אויס אַ בלינדער בעטלער
צוויי דאַרע, ציטערדיקע הענט.
שניידט דורך די לופט אַ רויטער פויגל,
ווי אין טויזנט פלאַמען אויסגעברענט —
אַנטוישט! ...

די זון פֿאַרגייט! . . .
די לעצטע שטראַלן פֿאַרבן קופּער־רויט
אַ מענטשן.
צוויי צעפּ פֿאַרוואָרפֿן אויף די אַקסלען;
די הענט געקרייציקט אויף זיין אָפֿן ברוסט.
ווי אַ סטאַטוע גלייך,
שטאָלץ ער קוקט אַרויף,
ווי ס'גיסט דער הימל אויס אַ פֿייערדיקן טייך.
ברענגט דער אָוונט־ווינט
אַ גרוס פֿון רויטן קינד —
אַנטוישט! . . .

איך האָב דיך דערזען

(ליזען)

כ׳האָב געכטן דיך געזען.
געקוקט אויף דיר; און אָנגענומען ט׳מיך אַ שטילער טרויער:
אַזוי קוקט אַ קינד צום לעצטן שטראַל, וואָס גוסס׳ט אויפן טויער.

כ׳האָב נעכטן דיך געזען.
געקוקט, ווי פייגלעך ס׳האָט די עלטער אַרויסגעוויינט פון דיר:
אַזוי קוקט אַרויס דער עלנט פון בלינדן בעטלערס טיר.

כ׳האָב נעכטן דיך געזען.
און צעשניטן האָט מיין האַרץ אַ שאַרפער פיין:
נאָך אַלעמען מוז דאָך דיין שיקזאַל אויבעט מיינער זיין . . .

כ׳האָב נעכטן דיך געזען.
נאָר ווען דו ביסט אַוועק, האָט צווישן מיינע טרערן אויפגע־
טויכט אַ פרייד:
אַזוי פילט אַ בייזער הונט, וואָס רייסט זיך אָפּ פון קייט.

ווער ווייס? פיליכט האָט אונדז דער שיקזאַל שוין געבראַכט
צום ברעג,
וואו אויף וועגן צוויי וועט ער צעשניידן אונדזער וועג? . . .

כ׳האָב נעכטן דיך געזען.
נאָר ווען דו ביסט אַוועק — אַן אומעט האָט מיין האַרץ גע־
פרעסט:
אַזוי באַוויינט אַ פויגל זיין צעשטערטע נעסט . . .

יצחק אפרת

אַ טרוים איז דאָס געווען

ס'קען זיין: דו וועסט נאָך קומען ווען צוריק,
נאָר דאָס וועט אונדז ניט ברענגען מער קיין גליק!

פאַלט אַראָפּ דער שניי; ער שטייגט ניט מער צום רוים.
און דער ווינט פאַרטרייבט דעם געלן בלאַט פון בוים.

האָב איך פאַרטויבט אין מיר דיליידן;
און ווי אַ מערדער — שטיל און קאַלט —
אַרויסגעריסן פון מיין האַרצן
דיין פאַרדאָרבן, שיין געשטאַלט.

פון דער מינוט מיר זיינען פרעמדע.
פרעמד — ווי גאָר ניט וואָלט געשען.
וועסטו ווען פון מיר נאָך דענקען —
זאָג — אַ טרוים איז דאָס געווען . . .

צייטנווייז

צייטנווייז גיי איך אַליין און רעד צו דיר,
ווי דו וואָלסט געווען לעבן מיר.
איך רעד צו דיר פון יענער ווייטער צייט,
ווען דו געווען ביסט שטענדיק ביי מיין זייט,
און געציטערט ווי פון קאַלטן ווינט —
געטוליעט האָסט צו מיר זיך ווי אַ קינד.

שטיל געזונגען האָב איך דיר אַ ליבעס־ליד,
וואָס צעוואַרעמט האָט דיין יעדן קאַלטן גליד . . .
און דיין בלאַסער פּנים און דיין צאַרטער בליק,
האָט געדעדט צו מיר פון אַ גרויסן גליק.

. . . .

לאַנג פאַרשוואונדן איז שוין יענע צייט!
דאָך צייטנווייז איך פיל דיך ביי מיין זייט.
און גיי מיר גאָר אַליין און רעד צו דיר,
ווי דו וואָלסט געווען לעבן מיר . . .

יצחק אפרת

אַ ווינטער נאַכט

די נאַכט איז בלינד.
ס'פאַרוויגט אין צווייג דער ווינט
אַ וויינענדיק קינד.

אין שוואַרצן אומרו איז איינגעהילט די נאַכט.
דער חושך ציטערט אויף די פליגלען פון אַ פלעדער־מויז,
וואָס האָט אין שפּאַלט פון שטיין דערוואַכט.

אין גרויען נעפּל שפּרייזט
אַ ווייסער גייסט;
און מיט אַ ברומען
מאָלט אויף די שויבן זילבער־בלומען . . .

געדאַנקען

פליט אַ פרייער פויגל אויף אַ פרייען פעלד.
זיצט אַ גאָט אין הימל און רעגירט די וועלט.

וואַרט אַ שפין אין ווינקל, לויערט אויף אַ פליג.
מיט פאַרמאַכטע אויגן בלאָנדזשעט אום אַ גליק.

ווײנט אין צווײַג אַ ווינט, לעשט זיך אויס אַ טרוים.
און עס קראַכט אַ דונער פונעם בלויען רוים . . .

וועבט זיך שטיל אַ טרוים, זינגט אין צווײַג דער ווינט.
שוועבט אַ מלאך הויך, טראָגט מיט זיך אַ קינד.

שפייט אַ מדבר־שלאַנג, שפייט מיט גיפט און גאַל.
שפרינגט אַ פיש פון וואַסער, צו אַ זונען־שטראַל.

יאָגט אַ שוואַרצער אָדלער נאָך אַ ווייסער טויב.
קריגט אַ קליינע פליג אין אַן אָקס איר רויב . . .

גייט אַ מענטש אַוועק, גייט זיך זוכן גליק.
און ס'פאַרשווינדט דער מענטש, און קומט ניט מער צוריק . . .

זינגט אַ פרייער פויגל, זינגט אַ ליד און טרעלט.
זיצט אַ גאָט אין הימל און באַשאַפט אַ וועלט . . .

יצחק אפרת

גליק

אויף אַ בלויען וואָלקן
ביסטו הויך געפֿלויגן;
דיינע האָר צעלאָזן
אויפֿן פֿרייען ווינט;
און מיט אַ בליק אַ צאַרטן,
אין פֿאַרשייטע אויגן, —
האָסטו מיך געלאָקערט,
ווי אַ קינד.

און דיין רוף דער פֿרייער,
האָט מיך ווילד געצויגן;
האָט געוועקט אין האַרצן
אַן אויסגעטרוימטן טרוים.
האָב איך ניט פֿאַרטראַכט זיך, —
נאָר מיט פֿאַרמאַכטע אויגן,
האָב איך זיך געטראָגן
אין דעם פּוסטן רוים . . .

נאָר איך האָב דיך קיינמאָל
ניט געקענט דערלאַנגען;
שטענדיק ביסט פֿאַרשוואונדן,
ווי ס'פֿאַרשווינדט אַ רויך . . .
איך האָב נאָר פֿאַרנומען
בלויז די צויבער־קלאַנגען,
וואָס דו טוסט פֿאַרשפּרייטן,
פֿליענדיק דאָרט הויך . . .

אינהאַלט

אַרבעטער־מאַטיוון

	זייט
דאָס וואָרט צו מיין קלאַס	7
דער וועג צום געגאַרטן יאָר	8
אויפקום	9
וואָכיקע טעג	11
איז אַזוי גוט	12
דעם סטרייקערס באַלאַדע	14
פּאַרטאָג	16
פרעד	17
ווילט זיך מיר אַמאָל אַזוי	22
אַן אייגענע שטוב	23
קריזיס	26
ערשטער מאַי (1)	32
ערשטער מאַי (2)	34
דאָס לאַנד פון ליכטיקן פרילינג	35
דאָס ליד פון דער פאַרזעסענער נייטאָרין	38
דאָס אייניקל	40
מיינערס	44
די „ברעד ליין“	56
דעם רויטן דזשאנס פאַרמעגן	64
אין גרוי לאַנד	68
בלוט	72
היימלאָזע	73
אויפקום־צייט	75
איינמאָל אין האַרבסט	77
רייף איז שוין די צייט	79
דער ערשטער סטרייק	80

מלחמה־לידער

פּאַרטיזאַנען	87
דער הימל שוין בלויט זיך	88
זיכער איז עס טאָגט	92
די חיה	94
דער גרוס פון טויט	98

יצחק אפרת

	זייט
מלחמה וויג־ליד	101
די צוקונפט שפּאַנט	103
אַ חוב	107
נאָכן קריג	108
געדענקען (1)	109
געדענקען (2)	111
דער פּלאַם	113
אין וואַלד	116
די זון האָט גערעדט	124
די אידישע פאָן	126
פאַר אַ נייעם שפּעטער	127
זאָל אַ לויכט טאָן געדאַנק אַזוי פראָסט	129

אייגענס

מיין ליד	133
האָטעל־צימער	135
ווילן	136
מיינע אויגן	137
מיינע יאָרן	138
פרילינג	139
צו אַ קינד	140
לאָס אַנדזשעלעס	141
אין קאַלטן דרויסן	144
אַמאָל אין אַן אָוונט	145
ווען איך גיי אַרום און טראַכט	146
דאָס איז פאַר דיר	147
אויגן	148
איך ווייס ניט	149
צארט און שטיל; דער קרייז	150
אַנטוישט	151
איך האָב דיך דערזען	153
אַ טרוים איז דאָס געווען	154
צייטנווייז	155
אַ ווינטער־נאַכט	156
געדאַנקען	157
גליק	158